STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04860

DER SHAYTER BAYM VEG

Motl Saktzier

Permanent preservation of this book was made possible
by Hannah M. Wolff
in memory of
Samuel & Bessie Miller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאָטל סאַקציער

דער שייטער ביים וועג

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון ליטעראַטור־פאָנד
ביים פאַראיין פון יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן
אין ישראל, קרן תל־אביב לספרות ולאמנות און
אליעזר פינעס־פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור.

מאָטל סאַקציער

דער שײַטער
בײַם
וועג

MOTL SAKTZIER

DER SHEITER BEIM WEG

הילע פון ב. סאַקציער
פאָרטרעט געצייכנט פון מ. רובינגער

פאַרלאַג „ניי־לעבן"
אלנבי 85, תל־אביב

©

Printed in Israel 1978

נדפס בישראל תשל"ח

דפוס „אור" בע"מ, תל־אביב, שד' הר־ציון 104, טל. 822481



פון געפונענע העפטן

1939-1941

שווערע פאַרגעפילן

פון לאַנג איך לויש מיט שווערן פאַרגעפיל
צום ווילד צעהעפעטן, מטורפן קאַדריל
פון די איבערמענטשן
בײַ דעם רהיין אַלט-גראָען.

דאָרט טראַסקען די אָרקעסטערס אין שגעון
טאָג ווי נאַכט, ווי עס וואָלט אין קאָפּ
מיט שווערע האַמערס עמעצער מיך שלאָגן,
צי אַ שטיינער-וואַל וואָלט בארג אַראָפּ
מיט גרויסן האַסט זיך גאָר
אויף מיר געטראָגן...

פאַר זייער געץ מיט טרויעריקן שם,
און אויף פאָנען מיטן טויטנקאָפּ-עמבלעם,
דעפּילירן דאָרט די בלאָנדהאָריקע בארבארן,
די „איבער אַלעס"-האַרן.
מיט אײַזערנעם ראָבאָטן-שפּאַן,
אין אויגן מיטן גרויסקייט-וואַן
פון אַריש-אויסדערוויילטן יחוס
שפּאַרן זיי דרעסירט צו גרויזאַמע רציחות
אַז דאָס האַרץ גייט אײַן
אין אימה-קראַמף...

ווו-זשע איז מײַן דור וואָס איז אין קאַמף
געפּרוווט, קרבנותגרייט און מוטיק?
ווו-זשע איז די וועלט? ווי קען קאַלטבלוטיק
זי שטיין אַצינד, ווי בײַ דער קלויסטער-וואַנט
מיט גלאַנצנדיקע בעלמעס
אַ הילפלאָז-אַלטער בלינדער?

ווי, די לופט איז פול מיט בלוט און בראַנד,
מיט ברענענדיקן שטורקאַץ אין דער האַנט
און גאַנצן גוף צום שליידער אָנגעשפּאַנט
שטייט גרייט דער אונטערצינדער...

מיך וועט ניט פֿאַרווירן די צײַט

מיך וועט ניט פֿאַרווירן די צײַט,
ניט פֿאַרבלענדן,
אַז איך זאָל ניט זען די ווײַט
וווּהין די טריט מײַנע ווענדן,
אַז צו דעם ציל וואָס פֿון לאַנג
פֿיל איך זיין שײַן אויף די אַפּלען
וואָס לײַטערט אויך אוים מײַן געזאַנג —
כ׳זאָל ניט דערציִען מײַן גאַנג,
זאָל איך ניט קענען דערשטאַפּלען...
מיך וועט ניט פֿאַרווירן די צייט.
מעג שלײַדערן פֿעך זי — אַ קראַטער,
גלויב איך שטענדיק אין איבערבײַט,
בין איך אויף מײַן טרוים ניט מוותר.

וואָס טיפֿער די פֿינצטערניש יאַטערט
אין שפּראָץ פֿון באַגינען איך גלויב,
איך גלויב: ווי אַ שפּער אין דער שויב
אַ גראַבל טאָן וועט אינדערפֿרי
דער מאָרגנשטערן.

פֿון פֿאָלקס בטחון
זאַפּטיקט
אין מײַן בלוט
דער קערן...

**
*

ווי פּיראַטן,
אין דעמער־שעה, בסוד,
אויף לײַכט זיך וויגנדיקע קאַראַוועלן,
צוגעשווימען איז דער שאָטנס־פּלאַט
און אויסגעשטיגן שטילערהייט בײַ מײַנע שוועלן...

זענען זיי געקומען מיטן ציל
מיך מיט בלענדעניש באַשלאָגן,
כ׳זאָל פאַרגעסן וואָס איך וויל,
פאַרן דאָ־זיין כ׳זאָל פאַרלירן דאָס געפיל,
און זיך לאָזן פון כימערעס פּלאָגן?

צי פאַרקערט, דעם חכמה־שטיין
האָבן זיי געבראַכט מיר,
וואָס צום לעבן,
און צו מענטש,
צו וועלט,
צו זיך אַליין
וועלן אַ באַשייד מיר,
און אַ ריכטונג געבן?.

צוגעוועסלעט אָן אַ שאָרך עס האָט
אין דעמער־שעה דער שאָטנס־פּלאַט
צו מײַן הפקר־ברעג דעם אײַנגעשלעפטן,
און אויסגעשפּרייט זײַן טעפּיך, —
דעם מיט גנאָד
פון רו און חלום אויסגעהעפטן...

גרויסשטאָט־בולוואַרן

גרויסשטאָט־בולוואַרן. גרויסשטאָט־בולוואַרן.
אַ דזשונגל זיי זענען פֿאַר מיר פֿול־געפּאַרן.

נעאָן ליכט־רעקלאַמעס וואָס בלענדן אָן אויפֿהער.
אויטאָס, קלאַקסאָנען, צײַטונגס־פֿאַרקויפֿער
וואָס ווי די פֿייגל מיט ווילדן געטומל,
פֿליִען פֿאַרשמײַטע אַרום מיט זייער רומל
פֿון די געביידעס — פֿאַבריקן פֿון ליגן,
וואָס זיך פֿאַרוועטן אין סדום אין דעם היגן
אין שׂינאה צו מיר, אין בילבולים, אין לעסטער —

בלעטער פֿאַרדאַרבער, שלאַנגישע נעסטער,
יעדער פֿון זיי איז אַ גיפֿטיקער טכויר־הייל.
ס׳נעמט אַ טרעוואָגע מיך אָן פֿאַר מײַן גורל...
זיי ברענגען אין יִיאוש...

גרויסשטאָט־בולוואַרן.
פֿאַרזיכטיק טו איך דורך זיי מיך דורכשאַרן...

נעכטן זיך ווילגיין געלאָזט האָט די טומאה
אויף יידישע קעפּ מיט שטעקנס פֿון גומי...

נעכטן מ׳האָט אויפֿן בית עולם מיט לאַמען
קברים געשענדט אין זיין הייליקן נאָמען...
ספֿרים געברענט מ׳האָט אין מיטן די פּלעצער,
און אין דעליר, ווי פֿון זינען, די העצער,
האָבן געהעפּעט, געטאַנצט אַרום שײַטער,
נאָר ווי אַ מאָל, אין אוראַלט־צייט ווײַטער,
פֿאַר דעם מזבח געטאַנצט קאַניבאַלן...

טרעפן מיט זיי זיך, כ׳בין נישט קיין בעלן...

גיי איך פאַרביַי זיי די גרויסשטאָט-בולוואַרן.
אַ דזשונגל זיי זענען פאַר מיר פול-געפאַרן...

די וועבערין

ס'האָבן אירע פינגער, ראָזלעכע און דין
פלינק אַרומגעשוועבט אויף דער וועב־מאַשין
נאָר ווי אויף אַ האַרף...
זי האָט אים איר נויט
און די מיידל־זאָרגן אין די נעכט פאַרטרויט,
און איר מיידל־טרוים וואָס האָט זיך ניט דערפילט,
און איר ליבע, וואָס
האָט זיך ניט אויסגעשפּילט,
אירע בענקשאַפטן צום אויסגעפעלטן גליק —
פול עס איז געווען דער צעך מיט איר מוזיק...

האָט אַן אָונט־קלייד פונעם זייַד־געוואַנט
זיך געניית די פרוי פון פאַבריקאַנט.
האָט אָבער דאָס קלייד זי טראָגן ניט געקענט —
דעם מיידלס שינאה האָט איר לײַב געברענט,
דעם מיידלס קללה אין זײַד־שאָרך זיך געהערט,
דעם מיידלס חלום האָט איר שלאָף פאַרשטערט...

האָט מען איינס און צוויי (וויסן דאָס מע דאַרף)
אָפּגעריסן ס'מיידל פון איר וועבשטיל־האַרף...

טעג אָן אַרבעט. הונגער. איר צו גוט באַקאַנט
איז דער טעם פון הונגער.
איז עס דען איר שאַנד?

האָט די קליינע וועבערין אויסגעהונגערט, בלאַס
איין אַליין געבלאַנדזשעט דורך דער אָונט־גאַס...

אָבער טראַכט ניט איבער... זי האָט פֿאַר איר האַס
שוין געוווּסט אַ ריכטונג, און עס האָט די שטאָט
אָנגעשפּיצט דעם אויער צו איר פֿלאַטער־טראָט
מיט צעשײַנטע פֿענצטער, מיט די טויבע ווענט...

דער אַרבעטערנס שינאה האָט איר לײַב געברענט,
דער אַרבעטערנס קללה האָט איר שלאָף פֿאַרשטערט,
דער אַרבעטערנס חלום האָט איר זאָרג פֿאַרמערט,

דער חלום וואָס פֿון מיידלשן געשטאַלט
אַ סודותפֿולע שיין האָט אַרום זיך צעשטראַלט...

בוקאַרעשטער נאָקטורנע

מיטן בליק פון אַ פּאַריוויזטער,
ביי דער טיר פון אַלטן קלויסטער,
אויפן קאַלטן שטיין פון טראָטואַר,
אַן איינגעקנוילטע אין איר צער,
אין צויטן און אין ליאַכעס,
זיצט די בעטלערין —
דער גרויסשטאָט-נחת...

וויפל מאָל איך אָוונט-שפּרייזער
גיי פאַרביי זי, מיד,
טוט דער בליק פון פרוי דער גרייזער
מיר אין האַרץ אַ שניט,
נעמען מיך די דאַרע פינגער בריען
פון איר אויסגעשטרעקטער האַנט,
גלייך זי וואָלט צו זיך מיך ציען,
שלעפּן מיך,
איך זאָל מיט איר ביינאַנד
זיך אַנידערזעצן ביי דער קלויסטער-וואַנט
איינגעדרייט ווי זי אין צויטן —
אַ גאַרעליעף
פון די שוואַרצע גרויסשטאָט-נויטן...

די ספּנה וואַקסט

די ספּנה וואַקסט. מיט בלינדן פלייץ צעשטערן
זי טוט אין וועג אַלע מחיצות, באַריערן.
איר גרימאַסע כ'זע, איר ווילדן שטשיר:
זי איז שוין נאָענט אויך פון אונדזער טיר.
איז ווו אַנטרינען זאָלן מיר פון איר?

נאָר איין מקלט איז פאַראַן נאָך איצטער
ווו דער מענטש איז, (זאָגט מען)
ניט קיין אומבאַשיצטער,
ניט אויף קוילעריונגס באַראַט.
ווו הייליק (זאָגט מען) דאָס געבאָט
פון ברידערשאַפט דאָרט ווערט געהאַלטן
און דער שׂכל און די קלוגשאַפט וואַלטן...

זעסט? אָן דאָרט איבער אַ טײַך, ניט טיפן,
פאַר יעדן גלײַך געקנאָטן און געשליפן
גרונטגעפעסטיקט (זאָגט מען) ווערט אַ נײַע וואָר.
אַ קאַצנשפּרונג ביז יענעם ברעג איז נאָר,
איז אפשר זיך אַהין אַריבערשיפן?

די ספּנה וואַקסט. דאָס מערדערישע פײַער
פלייצט אַהער. ס'איז יעדער רגע טײַער.
באַלד גרייכט די פלאַמען-צונג
דעם סכך פון אונדזער נעסט,
טאַ נעם דעם וואַנדער-זאַק און שנעלער,
שנעלער קום, מײַן טײַערע.
דו זעסט?
אין יענער זײַט גייט אויף אַ טאָג אַ העלער...

תיקו

אין די טעג ווען ס'האָט דער ברוינער שטראָם
ווילד גענומען צו מײַן היימלאַנד שפּאַרן,
אַרויסגעפירט כ'האָב מײַן געשליידערטן פאַראָם
קיין רוסלאַנד, ווו פון אַלע פינצטערע געפאַרן
פון אומגליקן,
פון שאָדן,
פון געיעג,
אַ מיקלט כ'האָב געהאָפט צו קריגן.

איך האָב מיך צוגעאַנקערט צו איר הויכן ברעג,
אַז אָפּטאָן זיך פון מיר עס זאָל די שרעק,
און דער טרויער
וואָס שוין אין די וויגן
האָט אונדז דאָס בלוט פאַרסמט...

פון וואַנען-זשע דער נײַער אומרו שטאַמט
און מײַן זאָרג אויף הויכן ברעג דעם היגן
צו וועלכן פון ווירוואַר אַרויפגעשטיגן?

פאַר וואָס-זשע גרימט מיך עפּעס, דרייט,
נאָגט אָן אויפהער און פאַרשאַפט מיר לייד?
און עס באַקומט מיר ניט דאָס לעבן?

תיקו.
כ'ווייס דערווײַל ניט קיין באַשייד.
ס'וועט די צוקונפט מיר דעם ענטפער געבן...

ערשטער טאָג פון מלחמה

ווי ס׳טוט אַ דונער אין די בערג אַ פֿאַל
וואָס שטייען אין גינגאָלד-געשטויבער,
געפּלעט די שטילקייט אין פֿאַרטאָגיקן אַל
האָט פון העלער הויט אַ מוראדיקער קנאַל,
אַ הודע אַ טויבער...

ניט ווינסדיק וואָס ס׳איז געשען, עס האָט
מײַן פרוי אין שרעק צו מיר זיך צוגעטוליעט:
און דאָס איז שוין בײַ אונדז אין שטאָט
דער קריג געגאַנגען זײַן מאַקאַבר-קאַראַהאָד,
אין פֿײַער און אין בלוט רציחהדיק-צעהוליעט,
און שוין געהערט מ׳האָט קרעכצן און געוויין
פון מענטשן אונטער באַלקנס צוגעפּרעסטע,
און טויטע, ווי, אויף גאַסנס פֿײַכטן שטיין
געליגן זענען שוין מיט אויגן טויט-פֿאַרגלעזטע...

און מיר וועמען אַן עדות זײַן עס איז באַשערט,
און אַלץ פֿאַרשרײַבן מיט די וואָרע פֿאַרבן,
דעם וואַנזין,
די יללות וואָס פולן אָן די ערד,
דעם פּײַן, די טויטן, און דעם ריח הארבן
פון דעם טשמעליענדיקן שׂריפות-רויך —

אויף קילן גאַסן-שטיין איך קען דאָך אויך
בלײַבן ליגן באַלד מיט אַ צעהאַקטן שאַרבן...

***

ווי ס'קומט פון העלער הויט אַ וואָלקנבראָך
אין מיטן זומער אָן מיט דונערן און בליצן,
אַזוי געקומען איז דאָס אומגליק.
ס'האָט געטאָן אַ פליוך
אַ פײַער־מבול — פון אים זיך ניט שיצן —
און ס'האָט געדאַכט זיך: כּלו כּל הקיצין...

די ערד האָט זיך געטאָן אַ טרייסל און אַ וויג
ווי צו אונטערגאַנג, מיט מוראדיקן ברומען,
און איידער דאָס געשעענע מיר האָבן רעכט באַנומען,
פאַרוואָרפן האָט אויף אונז זײַן פײַערנעץ דער קריג
און שווער ס'איז שוין געווען
פון איר אַרויסצוקומען...

***

באַרוועס,
ווי אַ שיקסל וואָס צום טויט גייט,
האָט זי געשפּאַנט אין דער שאַריען־בלויקייט
און אויף צוריק ניט אויסגעדרייט די אויגן —
זי זאָל נימי זען דעם טויט וואָס נאָכגעפלויגן
איז נאָך אונדז, און ערגעץ ביי אַ דאָרף
ווו ס׳איז די מחנה גרעסער
האָט ער געטאָן אַ וואָרף
דאָס פייערדיקע מעסער...

זי האָט זיך געטראָגן ווי אין טרוים,
באַרירנדיק דעם באָדן קוים
מיט גרינגע פיס, גלייך ער די זוילן
וואָלט געבריט ווי גליענדיקע קוילן...
זי האָט געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג:
ווי ס׳וואָלקנדל באַגינען,
זיך אויפלייזן, אַנטרינען,
ניט זען דאָס אַלץ
וואָס פירט אַראָפּ פון זינען
און וואָס נאָר שטערט דעם גאַנג...
נאָר איין געבעט אויף אירע ליפּן
האָט געברענט: עס זאָל אַריבערהיפּן
געראָטן איר די וויַיט,
פון בראַנד
און בלוט וואָס האָט פאַרפלייצט דאָס לאַנד,
פון דעם פאַרוויסטונג־וויכער.
אין וווּנדער פון קפיצת הדרך זיך דערמאַנט
אין יענער רגע האָט זי זיכער,
און האָט דעם ווינטל נאָכגעקוקט
מיט אַ ניט קינדערישער קינאה

און נאָך די שוואַלבן אָפּגעטאָקטע, דינע,
וואָס אין זונגאָלד אָפּגעטוקט
דעם הימל ווי אַ קויל דורכשטרײַכן
און פאַרשווינדן שפּורלאָז איבער טײַכן
טיף אין הימלס לויטערן תהום...
און פון איר האַנט איז ווי אַ שטראָם
פון הויכער שפּאַנונג
אויך צו מיר אַריבער
איר שרעק,
איר אומרו
און איר פיבער...

***

אין לבנה-שײַן געלויכטן האָט דער וועג.

די מחנה וואָס האָט מיט די פּעק
און בעבעכעס צו ווײַטער פרעמד געצויגן
מיטן היימלאַנד-הימל אין די אויגן
גרוים געוואָרענע פון שרעק,
האָט זיך געאײַלט
זי זאָל אַוועק
פון יענעם פײַער-קרײַז געשווינדער...
אין פעלד האָבן גערעוועט רינדער,
שעפּעלעך געמעקעט, הינט געבילט
ווי מטורפע, גלײַך זייער סוף געפילט,
די ערד געקרעכצט
ווי אַ ציגעלע אַ דורכגעשאָסנס.
איבער איר זענען אַרומגעשווימען לוויתנס
פון מעטאַל מיט אַ גיהנומדיק געברום,
דערפלעך אײַנגעשרומפּענע טויט-שטום
זיך אײַנגעהערט ווי די מלחמה האַמערט,
ווי זייער לעבן ווערט אַרומגעקלאַמערט,
אַרומגעקלעמט פון די מלחמה-צוואַנגען...

און די מחנה איז געגאַנגען, געגאַנגען,
פאַרלאָזנדיק דעם ליבן קאַנט
די מחנה האָט געשפּאַנט, —
אַז די לאַנגע מערדערישע האַנט
זאָל נאָך זיי, חלילה, ניט דערלאַנגען...

***

ביז דעמאָלט האָבן מיר אַפילו ניט געקלערט
ווי שטאַרק אונדז ליב ס׳איז אַ־די ערד
ווי אײַנגעבאַקן מיר זענען אין באָדן...

מיר האָבן נאָר, ווען ס׳האָט די פײַער־שווערד
צעבליצט זיך איבער אונדז מיט אומגליק
און מיט שאָדן
און אַוועקגעטראָגן אונדז עס האָט
צו גלות־צער,
ערשט דעמאָלט האָבן מיר דערפילט
ווי צוגעהעפט מיר זענען צו איר נאָפּל,

אַזוי מיט שטאַרקע וואָרצלען ס׳איז דער טאָפּאָל,
דער שלאַנקער, פון זיין קראַפט באַרוישטער גבר
נאָר צוגעהעפט, און שיידן זיך דערפאַר
געווען איז ווייטיקלעך
ווען אויסגעבראָכן ס׳האָט די צרה.
זיך אָפּרײַסן פון איר
אין יענע הארבסט־טעג קלאָרע
באַטייט האָט, מיט אַ שטיק געביין...

אַזוי פאַרקלעמט אין פאַסטקע, מיט די ציין
אַ פיקסעלע דעם פוס ריזעט איבער זיך אַליין
און שטאָלפּערט אינעם שניי אַוועק
אָפּזוכן זײַן נאָרע...

אין שפּיטאָל

אין יענעם פרידלעכן באַגינען
ווען ס'האָט פון הימל-זוים דאָס בלוי
זיך שוין מיט ראָזן דורכגעשפּינען,
געראַנגלט זיך מיט טויט אַ פרוי

האָט אין געבאָרן-הויז דעם היגן,
געגאַנגען איז זי שווער צו קינד,
אין קראַמף-ווײי שעהנלאַנג געשריגן,
ניט מוחל זיך די חוה-זינד;

אַ גאַנצע נאַכט ביז בלוט געביסן
די ליפּן זיך אין ווײ זי האָט,
דאָס העמד זיך אויפן לײַב געריסן
און אָנמאַכט רופנדיק צו גאָט.

צעקאָפּנס, ווי אַ צוגעשמידטער,
באַזאָרגט צוליב דעם שווערן פאַל,
דער דאָקטער האָט, דער פיל געניטער,
קיין רגע ניט פאַרלאָזט דעם זאַל...

ער האָט געזען איין אויסוועג: שנײַדן.
אים איז שוין קלאָר געווען דאָס בילד.
ס'האָט קיין שום תּרופה אירע לײַדן
די שנײַדיקע ניט אײַנגעשטילט.

און איין געדאַנק אין מח שרויפּיק
געעקבערט האָט: נאָר ניט פאַרזאַם.
עס ווערט דאָך שיטערער איר דופק,
שוואַכער אַלץ דער חיות-פלאַם...

די פרוי צו רעטן און דאָס קרישל
וואָס זיך אין מוטער־טראַכט פאַרדרייט,
געלעגן זענען אויפן טישל
מיט גלאַנצנדיקן ניקל גרייט,

די שפּריצן, שערן און פּינצעטן,
די מאַרליע אויסגעקאָכט סטעריל —
ער צווינגען וועט דעם טויט אָפּטרעטן,
אַרויס אים שלאָגן פון דער שפּיל...

נאָר פּלוצעם, פון דער העלער הויט האָט
זיך אַ דונערשלאָג דערהערט,
גלייך ס׳האָט דער הימל זיך צעבויטעט,
גלייך מיט פרעמדן גוף די ערד

האָט זיך אין וועג צענויפגעשלאָגן,
און דאָס וואָס ס׳האָבן פאָרגעזען
חכמים, טרעפער, אַסטראָלאָגן,
אויף דער וואָר איז איצט געשען...

געטרייסלט ס׳האָט. ס׳איז פול דער אויר
מיט שטויב געוואָרן, פעך און רויך;
מיט פליגל־פּאָר אַ דינאָזאַווער
האָט דורכגערודערט אין דער הויך

מיט שמאָלן שנויץ, אַ שאַרף־פאַרשפּיצטער,
די פעל פון גראָען אַליומין;
עס האָט אַ בליץ אַריינגעשמיצט ער
דורך דער שויב — אַ פייער־שפּין...

און זיך צעוויגט עס האָט דער גאָרן
ווי אַ שיף אין אַ ציקלאָן —
פֿאַרצווייפלט האָט די קימפּעטאָרן
ניט מיט איר קול אַ יעכץ געטאָן

פון גרויליק שנײַדנדיקע ווייען
אויסגעמישט מיט טויט-דערשרעק,
און ס'האָט דאָס קינד גענומען גייען
וואָס איז געלעגן פּאַפּערעק...

נאָר זען דעם דאָקטער דעם נצחון
פון זײַן מי איז ניט באַשערט, —
די סטעליע האָט זיך אײַנגעבראָכן,
אַ וואָרף געטאָן אים צו דער ערד
עס האָט אַ קראַפּט אַן אומגעריכטע,
געטייט אים מיטן אויגנבליק. —

אין יענעם פּרי איז די געשיכטע
אַרײַן אין צײַטרעכנונג פון קריג...

דאָס פאַרוואונדעטע פערד

מיטן זעלנערזאָטל אויף זײַן רוקן פעסטן,
אויסגעטאָקטן ווי פון סקולפּטאָרס דלאָט,
אָבער אָן דעם רײַטעריונג, זײַן פרײַנד דעם בעסטן
וואָס געווען מיט אים אין פיל פאַרמעסטן,
שטייט אין ווינטערסטעפּ אויף וועלטס באַראָט
אָן איינזאַם פערד.
צום גרונט די טלאָען
צוגעפראָרן, ווי פאַרשטיינט עס שטייט —
אַ דענקמאָל פונעם אָקאָרשט דורכגעלאָפענעם שגעון
מיט אַן אויפגעריסן אינגעווייד...

פון יסורים צוקט זײַן האַלדז געשניצטער
וואָס איז געווינט צום רײַטערס מילדן גלעט
וועלכער איז צו אים געווען ביז איצטער
ווי צענויפגעשמעלצט. אַן אָנגעזייפט-צעהיצטער
ס'איז מיט אים ווילד צעפּאַלאָשעט ווי אַ שד

אין אַטאַקעס אין געפערלעכע געפלויגן
און אַרויסגעטראָגן גאַנץ אים פונעם שׂריפה-פלאַם; —
אָבער איצט דעם שיינעם קאָפּ געבויגן
עס שטייט בײַ זײַן צעקאָפּנס ווי אַ צאַם...

דער ווינט רײַסט שטיקער פון זײַן פעל.
די וויִעס
פאַרקלעפּטע ווערן פונעם שניי-געברויז.
די קני פאַרשטײַפט פון פראָסט. דאָס חיות
טריפט לאַנגזאַם מיט זײַן בלוט אין איינעם אויס.

פלוצעם — גלײַך עס האָט דעם שאָל פון האָרן
מעשענעם אין וויסטן סטעפּ דערהערט,
גלײַך דערפילט אין בויך
עס האָט דעם רײַטערס שפּאָרן,
ציטערט אויף מיט גאַנצן גוף דאָס פערד,

עס וויל אַ הירזשע טאָן און נעמען היפּן
יאָגן, בײַסנדיק אין מויל דעם צוים,
נאָר ס'טוט אַ פאַל מיט גאַווערדיקע ליפּן
אין לוזשע אייגענער פון רויטן שוים.

ליגט עס מיטן זאָטל אויפן רוקן,
נאָר די אויגן די פאַרגלעזטע, שטאַר
ערגעץ אין דער ווײַטער ווײַטקייט קוקן
מיט אַזאַמין מענטשלעכן, גרוילנדיקן צער...

ביי די ברעגעס פון זעראפשאן

1941-1945

***

ווען איך שעם זיך ניט
איך, אַ דערוואַקסענער מאַן,
פאַר דער באַגלייטערין קליינער —
מײַן לעבנס־געשפּאַן,
וואָס אין איינעם מיט מיר
איז פון אומגליק,
פאַרלענדונג
און וואַן
אהערצו געלאָפן,
פאַרוואָגלט מיט מיר
ביזן רוישיקן טײַך זעראַפשאַן
ווו כ׳האָב מיט מײַן יידישן טרויער
מיך ווידער געטראָפן...

ווען איך, אַ דערוואַקסענער מאַן
מיך ניט שעם,
פאַר מײַן באַגלייטערין קליינער
אין אָוונט אַ־דעם,
וואָלט איך בײַם ברעג פונעם טײַך
אין געוויין מיך פאַרגאַנגען,
מיטן געוויין פון מײַן פאָלק
וואָס איך ביז אַהערצו פאַרנעם,
נאָר כ׳קען ניט, אַהין ווו עס איז,
אין פאַרטיליקערם קלעם,
מיט מײַן טרייסט־וואָרט דערלאַנגען..

עוואַקואַ־פּונקט

סאַמאַרקאַנד. בײַנאַכט. אַ פרעמדער הימל.
ווי די וואַנדערפֿייגל צעגנויפֿגעטוליעטע אין דרימל
ליגן פּליטים אין די נישעס פֿון מעדרעס.
נאָר איך בין וואַך. דעם ווײַלסטן מעת לעת?
און כ׳לויש צום סודותפֿולן מורמל פֿון די שטערן
און מיטן יִיאוש־זיפֿץ און מיט די עלנט־טרערן
נעמט זיך דורך מײַן אינערלעך געפֿעס.

אין אַ־דער שווערער שעה אַ גוטן בשורה־לויפֿער
חלום איך מיר אויס, אַן אײַליקן שטאַפֿעט;
איך מאָל מיר אויס: איך הער פֿון זיג דעם שופֿר
אַראָפּשאַלן פֿון הויכן מינאַרעט,
אַז פֿרייד־ידיעות ווי פֿון נעסט די שוואַלבן
שמייסן מיט אַ מאָל אַרויס פֿון הילכער־רער
און ס׳נעמט מײַן האַרץ פֿון אומגעדולד זיך פֿאַלבן,
כאָטש כ׳ווייס צו גוט:
דאָס איז מײַן חלום בלויז, ניט מער,
דאָס איז נאָר מײַן באַגער...

אין די נישעס פֿון מעדרעס ווו ס׳שמעקט מיט שימל,
ווו ס׳גייט פֿון ווײַטע תּקופֿות אויף דער ווימל,
די גבורה, די רישעות
און אויך דער רום פֿון היגן פֿאָלק,
הער איך מיך אײַן צו די אינערע באַפֿעלן
דאָס ליד פֿון גלויבן
און פֿון מוט
כ׳זאָל ניט פֿאַרפֿעלן,
און געהאָרכיק דעם באַפֿעל פֿון האַרץ איך פֿאָלג.

באַגעגעניש

ניין, ניט קיין פֿויער פֿונעם היגן קרײַז
אויף זײַן מויל־אייזל האָב איך געזען הײַנט רײַטן,
נאָר איינער פֿון די אָבות גאָר —
די טשאַלמע שנייִק־ווײַס,
איז מיר אַרויס אַקעגן
אין פֿעלד מיט בוימוואָל און מיט רײַז
ווי פֿונעם לאַנג פֿאַרוועלקטן יידישן פֿאַרצײַטן..

אַ תּושבֿ גאָר פֿון הייסן לאַנד כּנען,
פֿונעם ירדן־טאָל אַ פֿאַסטעך נע ונדן,
כ׳האָב באַגעגנט הײַנט בײַם וואַסער זעראַפֿשאַן,
אין קליידונג און אין גרים גלײַך ס׳וואָלט אַרומגעגאַן
אַ געשטאַלט וואָס אויסגעכישופֿט ס׳האָט אַ מאָל
גאָלדפֿאַדן..

„סאַלאַם" כ׳האָב מיך געטאָן פֿאַר אים אַ נויג,
און ער האָט מיט דער העפֿלעכקייט פֿון מזרח־מענטשן
מיר געענטפֿערט מיט אַזויפֿיל מילדקייט אין זײַן אויג,
אַז אין מײַן צער אין וועלכן כ׳זינק
ווי אין אַ זומפּ פֿון לויג
אויף די קני מיך שטעלן כ׳האָב געוואָלט
ער זאָל מיך בענטשן...

בענטשן מיך, אַ הײַנטוועלטיקן ייד,
מיט באַריר מיט פֿאָטערלעכן זאָל ער לינדן
דעם צער וואָס שמאַרצט מיך ווי אַ טיפֿער שניט
פֿון וועלכן כ׳האָב מײַן האַרץ ניט אויסגעהיט,
אַז קענען כ׳זאָל דעם ייִאוש וואָס מיך ברייט
גובר זײַן אין אַ־די טעג, אים איבערווינדן...

אין די הויכע, בלאָע אומענדן

אין די הויכע, בלאָע אומענדן
די שטערן זייער כישוף פאַרשווענדן.
אַלצדינג אָטעמט דאָ מיט די היגע לעגענדן
מיט טויזנט און איין נאַכט
(דו געדענקסט זיי אַוודאי)
גלײַך אין דער שפּעטער שעה פאַרבראַכט
וואָלט דאָ מיט אונדז, צום לעבן דערוואַכט,
אַליין שאַכאַרעזאַדע...

נאָר דער איז אַן אַלטער פאַרוואָגלטער ייִד
(פון ליטע, מאָלדאַוויע צי פּוילן?)
מיט אַ מנין ייִדן ער זיצט, אין דער מיט,
און טויזנט מיט איין מעשה פול גרוילן,
פול אומגליק ער טוט זיי אויפקנוילן
וואָס זיך פאַרלויפן אַצינד אויף גאָטס ערד.
נאָר צו פאַרהיטן פון יִאוש וואָס שווערט
אויף די געמיטער, פון קלאָג און פון טרערן,
אויך זייער גורל ער לעזט זיי אַראָפּ פון די שטערן,
אויך די דערפילונג פון זייערע באַגערן
זעט ער פאָרויס, זאָגט ער זיי פאָר
אַ תקופה פון חסד, אַ גאָלדענע וואָר
וואָס קומען זי וועט נאָך דעם וויסטן סך הכל,
ווי עס פלעג פירזאָגן נאָר
אַ פאַרצײַטיקער גרײַזער אָראַקל...

און ווען ס׳ווערט אַנטשוויגן דער ייד,
שטילערהייט, פאַרטראַכט און מיד
גייט זיך דער מנין פאַנאַנדער
אין דער נאַכט וואָס זאַפּט אַריַין זייערע טריט
אין דער כישוף־נאַכט סאַמאַרקאַנדער...

די נאַכט איז לינד

די נאַכט איז לינד, פול מיט שווייַגן.
די שטערן ווי פלאַטערלעך שטייַגן
אַלץ העכער אַרויף מיט צעגלימערטן בלענד.
ווערט איצט צום גומען געשמאַק זייַן דער ביסן,
גוט פאַר דער פראַצע דעם שכר צו געניסן,
פאַר הערלעכער מי פון פאַרהאָרוועטע הענט.

ס׳איז שאַ און ס׳איז שטיל. פון אַריק דאָס געמעמל
פאַרנעם איך אַצינד, פון געלאַנגווייַלטן קעמל
די מידע, פאַרשפּעטיקט געפּלאָנטערטע טריט,
דאָס פּלאַפּלען איינטאָניקע פון טאַמבורינען
און פון מייַן ווייטן אַ מאָל
קומען בילדער אין זינען
מיר דעם אין מזרח פאַרוואָגלטן ייד..

די נאַכט איז לינד, פול מיט צויבער,
ווי אין דער היים ווו איצט הוליעט דער רויבער.
מיד דרימל איך איין ביים צעטענצלטן פלאַם
פון שייַטער וואָס ווערט ניט פאַרלאָשן,
מיט די פויערים היגע מיט ווען געדראָשן
דאָס ברויט וואָס האָט דאָ אַ באַזונדערן טעם,
מיט זיי וואָס פרעמד מיר עס איז
זייער שטייגער און לשון
ווי זיי עס איז פרעמד
דער טראַגישער פרווו פון מייַן שטאַם...

ליו־ליו ליו־ליו

אין דער צעלעכצטער קאַרעטע
ליגן די שעהן פאַרמאַרעטע;
עס שלאָפט אין גאָרטן דער אַריק,
עס שלאָפט דאָס אייזעלע, די ציג,
איַינגעשוויגן ס'איז אויך שוין דער טשיריק
אויף די דעכעלעך פלאַכע...

נאָר מיר ביידע זענען נאָך וואַכע.
און זי — לויטן שטייגער פון היגן שטאַם
די פּים אונטער זיך פאַרבויגן,
(אַ בייזע דאגה פרעסט זי מיסתם)
זי קוקט אויף מיר
מיט אירע גרויסע אויגן
פולע מיט פרעגן און בעטעניש,
וואָס דאַרפן ניט קיין שום רייד,
גלייך פאַר דעם לעבנס פלאָנטער־רעטעניש
וואָלט איך אַ פתרון געוווסט
אַ באַשייד...

און איבער אונדז צינדט גליווערעם אָן
די נאַכט אין איר בלויער פאַטשיילע,
און די שטילקייט זומזעט מאַנאַטאָן
באַגלייט פון אַן איינסטרוניקער כלי
וואָס שלעפערט אויף דעם שטרויזאַק אונדז איַין,
גליַיך אַ געלעגער פון פוך וואָלט ער זיַין
וואָס געשפּונען פון איידעלסטן ליַין
מ'האָט פאַר מעדזשנונען און ליילי...

שלאָף־זשע, שלאָף, די נאַכט איז פאַר רו.
מאָרגן אין די שעהן גאַנץ פריע,
ווען ס׳וועט דאָס גראָע אייזל טו־טו
דערלאַנגען די גרויסע תקיעה,
דאַרפן אויפשטיין מיר צום פאַרמעסט
מיט די בוימוואָל־קלײַבער געניטע,
מיר זענען דאָ ניט בײַ קרובים צו געסט,
ניט בײַ פאַרמעגלעכן טאַטן אויף קעסט —
האָרעווען מע דאַרף אויפן מוצאה׳לע פּיתה...

ליו־ליו ליו־ליו,
מאַך־זשע די אייגעלעך צו...

***

אַ גאַנצן טאָג האָט די זון אין פעלד זי געבאַקן.
אַצינד, מיט בראָנזיק־פאַרברווינטן נאַקן
ווי אַ נעגערין,
זי זיצט לעבן מיר אַזוי שמעקנדיק, פריש,
און נאַשט אַ פאַרשייטע דעם יונגן קישמיש,
זי, פון מײַן קינפטיקן קינד
די פלעגערין...

זי האָט זיך אַ שייטל געמאַכט גלײַך ווי אַ ווירע,
צעפלעך פאַרפלאָכטן אַ סך פון די זײַד־האָר פון אירע,
זי, מײַן פאַרערערין,
און זאָל זיך מיר דאַכטן
איך ווין מיט אַ מיידל פון הי,
אַזוי האָט געשטיפט און געהנדלט מײַן פרוי זיך:
„יאַכשי?"*
זי פון מײַן קינפטיקן קינד די געבערערין...

---

*) יאַכשי — גוט.

אין מיטן סאַמאַרקאַנד

אין מיטן סאַמאַרקאַנד
צווישן חורבות פון מעטשעטן
מיט וועלכע מײַן געמיט זיך איבערבעטן
וויל ניט, פאַר קיין פאַל,
האָט פאַרבלאָנדזשעט צו מײַן אויער
דאָס כליפּען פון אַ פלויער
ווען ער רופט צום שפּרודל־קוואַל
זײַנע קוטשעראַווע לעמער
טרינקען קילן אָוונטדעמער...

און כ׳האָב דערזען די דאָלענע
ווו די שטילקייט ליגט אַ וואָלענע,
ווו עס שמעקט מיט מילך פון שאָף
וואָס מ׳האָט ערשט געמאָלקן,
ווו די היגלען כאַפּן אויף זיך פונעם שלאָף
ווען פאַרשלייערט אין אַ וואָלקן
ס׳לויפט דאָס באַנדעלע פאַרבײַ
דאָס קײַכנדיקע באַנדל
מיט אַ קונדס־פּײַפערײַ,
ווי אויף כאַסליערע אַ שאַלאַפּײַ,
אַ שיכור מאָלדאָוואַנדל...

און כ׳האָב דערזען דעם ביסיק,
מאָגער און לאַנגפּיסיק
קוקט ער אוים דעם קאַנט
פון נידעריקן דאַך,
און די שלאַנקע טאָפּאָלן בײַם שליאַך,
אויף די קעפּ און אויף די שולטער

האַלטן אַלץ דעם הימל ווי אַ מולטער
מיט שוימענדיקער שײַן
אַן אַנגעפולטער...

מיט בראַנדיק־יאַטערדיקער הויט
אין צייניקן געקלעם פון די באַצווינגער,
זי הייבט זיך אויף בײַם נידעריקן פלויט
מיט וווּנדיק־בלוטנדיקע פינגער
און קוקט זיך אײַן מיט קראַנקן בליק
אין האָריזאָנט וואָס אײַנגעריכט
אין פעך איז: —

צי זעט מען נאָך ניט זיך אומקערן צוריק
דעם ריז פון די מעשהלעך
דעם אויסגעוויגטן אין איר וויג,
פון זײַנע טריט
מע הערט נאָך ניט
די עכאָס?.

דער אַלקער ווו איך וווין

דער אַלקער ווו איך וווין ז'פון ליים און שטרוי,
מיט טריבע ווענט; קיין דורכלויכט ניט צום דרויסן —
כּדי מיט די פאַרבײַגייער וואָס זענען גאָרניט אויסן
זיך ניט באַגעגענען עס זאָל די בענקשאַפט פון דער פרוי
וואָס דאָ זי האָט געלעבט — פאַרהאָרוועט און פאַרשטויסן...

דער אַלקער ווו איך וווין — ווי לאַנג? ווי לאַנג?
כ'האָב די צאָל פון די חדשים שוין פאַרגעסן,
די באַלקנס הילצערנע אויף מײַן געמיט זיי פרעסן.
דער יִיאוש דרייט אַרום מיך ווי אַ שלאַנג,
עס האָט מיר, כ'לעבן, דאָ ביז טויט דערעסן...

דער אַלקער ווו איך וווין — ס'האָט ביז אַצינד
קיין יונג געלעכטער ניט געהילכט דערינען,
די נײַע פרײַנד — זיי ליג איך ניט אין זינען
די אַלטע — זיי צעזייט האָט דער מלחמה־ווינט;
צי וועל איך זיי נאָך ווען עס איז געפינען?

אָן אַלט געבײַ דער אַלקער — שטרוי און ליים,
כ'וויים ניט וויפל נאָך איך וועל דאָ שמאַכטן
און מײַנע טרויעריקע טראַכטענישן טראַכטן; —
דאָרט, העט־ווייט, בײַ די טײַכן פון מײַן היים
גייען הײַנט פאַרביסן־שווערע שלאַכטן...

אומעטיקער אָוונט

דעם גאַנצן אָוונט גייט אַ דראַבנער רעגן,
וועט ניט קומען קיינער היינט צו מיר,
וועט זיך צו מײַן אַלקער קיינער ניט דערפרעגן
נאָר דער טרויער גראַבלט אין מײַן טיר...

ער שמעקט אַרום די שכנותדיקע שוועלן
ווי אַ חיה'לע, צו מײַנער ער זיך ווענדט;
מיין פרוי גלײַך זי וואָלט וועלן
מיך פון אים פאַרשטעלן,
נעמט מיך אַרום מיט אירע דינע הענט.

איר טוט ווי דער גלאַנץ פון מײַנע אַפּלען
אין וועלכע זיך אַליין געפונען נאָר זי וויל;
רעדט זי מיר אײַן אַז זוניק-העלע שטאַפּלען
וועלן סוף כל סוף דערפירן מיך צום ציל...

און טרעפן מיר דעם גורל לויט די דלאָניע-שטריכן
שטיפעריש ווי אַ ציגײַנערין זי נעמט:
עס ראַנגלען זיך אין מיר, זאָגט זי,
צוויי איד'ן
און איינער ווערט פון אַנדערן געהעמט,
און אַ וועג זיך שנײַדט מיר, זאָגט זי,
לויט דעם גראָדן
אויף מײַן דלאָניע דין-געקאַרבטן שטריך,
דער וועג איז פון דיין שטרוים,
ניין, ניט צו שאדן,
צו פרייד און צו דערפילונג ציט ער זיך...

אַזוי פֿאַרעדט מײַן פֿרוי מיך פֿונעם טרויער
ווי מיט מעשׂיות מע פֿאַרעדט אַ קינד ;
און אין דרויסן רעגנט, ביים צוגעפֿראַלטן טויער
כליפּעט אומהיימלעך דער ווינט...

מאָנבלומען

אַ פּורפּור־שריפה אויף די פלאַכע דעכער
האָט אויסגעבראָכן באַגינען מיט אַ מאָל;
דאָס האָט אויף זיי די מאָנבלום זיך צעפּעכערט
ווי אין מײַן ווײַטן, בעסאַראַבער טאָל...

אַהין, אין יענעם טאָל (איצט מעג איך זאָגן אָפן,
מתוודה זײַן זיך אין מײַן יינגל־חטא)
ניט איין מאָל מעשה קונדס
פון שולע כ׳בין אַנטלאָפן
און מיט זיך אַליין אין איינזאַמקייט גערעדט,

ווי כ׳רעד אַצינד
ווײַל ס׳זיפּט דורך דינע זיפּן
ראָזן נעפּל דער באַגינען אויף דער וועלט,
און זי מיר שמייכלט מיט די מאָנבלום־ליפּן,
זי וואָס האָט זיך בײַ מײַן זײַט געשטעלט
אין טעג פון נויט, ווען ס׳האָט פון קריג די כוואַליע
אויפגעהויבן אונדז, פאַרטראָגן אין דער פרעמד —

מיט צאַרטקייט מענלעכער איך נעם אַרום איר טאַליע
איר דינע טאַליע, אַזוי־אַ ווי מע נעמט
אַ בעכערל אַן אָפּגעטאָקטס, אַ ירושה־בעכער
און כ׳זופּ פון אירע ליפּן אָפּ דעם זיסן שוים —

ס׳האָט אַ שרפה אויסגעבראָכן
אויף די פלאַכע דעכער
און אָנגעצונדן
ווי די מאָנבלום
אויך מײַן טרוים...

זעראַפשאַן

זאָלסט זען אין שקיעה־שײַן דעם זעראַפשאַן,
דעם שנעלן טײַך וואָס טוט דעם קאַנט באַגיסן,
ווען עס פאַרהאַלט דעם מיד־און־מאַטן שפּאַן
ביי זײַנע ברעגעס, דער ווערבעס־קאַראַוואַן,
מיט זייער בלעטער־רויש אים צו באַגריסן...

דו זאָלסט אים זען ווי שײַנענדיק ער איז
ווען מיידעלעך אין מײַ־צעבליטקייט,
ווען עס בליקן זענען ליסטיק, צוזאָגנדיק־זיס,
צו זײַנע ברעגעס קומען,
פון די שלאַנקע פיס
אין זײַנע וואַסערן אַראָפּשווענקען די מידקייט...

זאָלסט הערן אים ווי האָפּערדיק ער ברויזט,
דער טײַך וואָס רײַסט זיך
פון די שנייבערג אָפּ
אַלטײַער,
און שטיינער אויף זײַן ברעג
צעברעקלט מיט זײַן פויסט,
וואַרפט זיך איבער זיי צעדרויבלט און צעשטויסט, —
דער טײַך וואָס איז דעם תושב טײַער
אומגעהײַער...

פיל לידער זענען וועגן אים פאַראַן,
און מעשות וואָס פון דור צו דור זיך וועבן:
ווי אָפּגעצוימט דעם טײַך עס האָט אַ כאַן,
אַ בייזער און קליינקעפיקער טיראַן,
און געקוואַרט דער גאָרטן, האָט פון אָרעמאַן,
און די ערד איר פרוכט האָט ניט געגעבן...

און דער פויער מיט זײַן אײזעלע באַגלײַך
איז אונטער דער לאַסט
פאַרשמאַכט געגאַנגען; —
אַזוי דערציילט אַ זקן דעם יונגוואַרג בײַ דעם טײַך,
אין טאָל וואָס איז מיט אַלע וווּנדער רײַך,
און געפּלעפּט ווערסט פון דער גרינקייט
און געפאַנגען...

רוישט דער טײַך. ביז טיפסטן אינגעווייד
טרינקט זיך אָן דער באָדן, דער צעגליטער,
און ס'שפּאַרט פון אים די שפּעדיקע פרייד,
דאָס וואָס ווערט מיט גלויבן דאָ פאַרזייט,
און שנײַדן מיט געזאַנג וועט עס דער שניטער...

ביים ברעג פון זעראַפשאַן

בײַם ברעג פון זעראַפשאַן טרויעריק מיר זיצן
און די היים דערמאָנען אין דעם אַכזר־פּענט;
צי קלעקן איר נאָך כּחות זיך צו שיצן?
ווײנען פאַסטעכער אין דודעלעך וואָס שניצן
אַרײַן דעם ווײ וואָס אין די הערצער ברענט?

צי טוט זי אונדז מיט האַרבע רייד ניט שטראָפן
הלמאַי מיר זענען צו וואַנדערפייגל גלײַך
זיך צעפלויגן ווען דאָס אומגליק האָט געטראָפן,
ווי וואַנדערפייגל דורך וועלטישע אין־סופן
ביז צו אָט דעם פריינדלעכן,
כאָטש פרעמדן טײַך...

זי פרעגט אויף אונדז?
זי וועט פון אונדז ניט ווײַכן
ווען אומקערן מיר וועלן זיך
די פיס און ס׳האַרץ צעדס׳ט?;
בײַם ברעג פון זעראַפשאַן ווי בײַ די בבל־טײַכן,
אויף דעם נס מיר וואַרטן, נאָר די טעג זיך שלײַכן
לאַנגזאַם, ווי די קעמלען דורכן מידבר־זאַמד,

און דער נס געגאַרטער זיך פאַרזאַמט...

בײַם אַלטן באַרנבוים

יעדן טאָג, אין דעמערונג אין קילער,
בײַם באַרנבוים וואָס שטייט שוין אײַנגעטרוקנט,
קוואַר,
טרעפֿן מיר זיך, צוויי לאַנגסטיקע מיטשילער,
גראָ געוואָרענע פון עלנט און פון צער...

און פון וואָס עס זאָל דער שמועס זיך ניט וועבן,
קומט אויף די היים אין שטילע בענקשאַפט־רייד.
ער זאָגט: דעם טאָג פון אומקער כאַטש דערלעבן,
איך זאָג: זי איז ניט ווײַט די אומקער־פרייד...

ער זאָגט: דרײַ זומערס שוין אַוועק,
דער פּערטער
וואָס וועט ער ברענגען?
— דעם זיג, דעם זיג!
ער קומט דער טאָג פון אויפריכטונג באַגערטער;
זי לויפט דאָך שוין אין משוגעת, צוריק,
מיט צעפליקטן אינגעווייד, דער פיסק אין גאַווער
די טעווטאָנער חיה, מיט איר שאַנד...
געשען זאָל גיכער דאָס, זאָגט שטיל מײַן חבר,
מיר דאַנקבאַר דריקנדיק די האַנט...

אַלטשטאָט־טשייכאַנאַ

עס טאָגט. ס׳ווערט ליכטיק בהדרגה.
אין אַלטשטאָט־געסעלע טרעוואָגע
אַן אייזל שאַלט —: הי־האַ...

אַ טיר צעקרעכצט זיך אויפן האָקן,
אַ טשאַכנדיקער, דאַרער זקן
מאַכט אויף די טשײַכאַנאַ.

אין ווײַסן אונטערוועש, אין הוילן,
ער קומט אַרויס, שטאָפּט אָן מיט קוילן
דעם יחוס־סאַמאָוואַר,

באַלד, ביז ס׳וועט די טיי פּאַרזידן,
ווערן וועט דאָ ענג פון יידן,
ענג פון יידן־צער,

יידן וואָס מיט וועגן קרומע
ס׳האָט זיי פון דער קריגס־מהומה,
געטאָס, שײַטער־פּלאַס,
אין דעם לאַנד געבראַכט צו טראָגן,
דאָ אַ מיקלט זיי געקראָגן
עד שיעבור זעם...

אָט זיצן זיי — פּאַרטאָגיק־ניכטער,
בלאַס פּאַראָבלטע געזיכטער
און מע רעדט, מע רעדט,
וועגן קריג מע רעדט אַוודאי,
וועגן הונגער,
קעלט,
בלאָקאַדע,

ווען העלדן־שטעט,
ווו עס גייען אום פאַרשווערער,
מורדים דרייסטע, רו־פאַרשטערער,
ווו מיט פײַער־קויל
אויפן פיינט דער שטראָפער לויערט,
און אויף אים דער פּחד הויערט,
ליימענדיקער גרויל;
ווען געטאָ־אויפשטאַנד וואַרשער,
(נעכטן שפּעט דער ראַדיאָ־מכשיר
צעטראָגן האָט דאָס נײַעס
אין עפיר אויף אַלע כוואַליעס,
פול מיט דעם אַצינד דער אַל איז)
האָרכן יידן אין התפּעלות
זיצנדיק אין קרײַז...

אַרום טישל ניט געדעקטן
זיי אויף אַלע דיאַלעקטן
שמועסן שטילערהייט...
שוואַרצזעער ס׳געמיט באַשווערן,
גלויבער וואָס דעם שאַל זיי הערן
פון נצחון־פרייד...

ווער מיט בלאָנדזשנדיקע אויגן
זיצט אין שווײַגעניש געבויגן
פון דעם בענקשאַפט־ווײ...

אָט זידט דער סאַמאָוואַר.
דאָס צימער
פולט זיך אָן מיט דאַמף און שימער
פון די פּיאַלעס טיי.

מייַן שכן דער בוכאַר

איך גיי אַריין צו מייַן שכן דעם בוכאַר;
אין שטוב איז טונקל ווי אין שבעה־טרויער.
ווו נעמט מען ס׳וואָרט צו לינדערן זייַן צער?
צוויי זומערן דאָס שווייַגן דויערט
פון יינגל זייַנעם, קיין צייכן ניט פון אים,
אין באַרד אַרייַן ער שאָמקעט אויף העברעיש,
און הייזעריק פון טרערן איז זיין שטים
פון גרויסן פאָטער־יִיאוש...

ווו איז ער איצט אין אַ־דער קילער נאַכט
וואָס ניט געשריבן שוין פון לאַנג דעם טאַטן?
ער לעבט? צי נאָך אַ הייסער שלאַכט
געפאַלן טויט... און ס׳האָבן די סאָלדאַטן

אים באַהאַלטן ביַי אַ וואַלד געשווינד,
און ביַי זייַן קבר, מיט אַ טרער אויף וויַע
געזאָגט האָט קדיש כליפּענדיק דער ווינט
און זיך געריסן קריעה...

צוויי זומערן פון אים קיין צורת אות.
פאַר וואָס? ביי וועמען קאָן ער פרעגן?
ער גיסט צו קידוש אָן די גלעזער
און אַ כּוס
ווי שטענדיק, אויך פאַר זייַנעטוועגן...

גלייַך באַלד וועט ער אַריַין צעפלאַמט
און מיט אַ מאָל
— צוליבן טאַטן מער, מע דאַרף באַטאָנען
וואָס טראָגט מיט ליבשאַפט דעם מסורות־עול —

ער נעמען וועט דאָס כּוס
אונ מיט זײַן ייִנגלש קול
וועט זיך צעקלינגען ער:
סברי מרנן...

נאָר לײַדער שפּרינגט ער ניט אַרײַן, דער בכור
דעם טאַטנס טרויער־קנופּ ער זאָל צעבינדן; —
אויף וואָס נאָך האָפט דער זקן שוין צוויי יאָר?
און ווי אַזוי זײַן פּאַטער־צער כ׳זאָל לינדן?

ווו נעמען זאָל איך דאָס נחמה־וואָרט?
ווי אַלע אַרום אים, כ׳זיץ אײַנגעשוויגן,
און הער ווי ס׳וויינט אַרײַן
דער זקן אין זײַן באָרד
זײַן פּאַטער־צער מיט אַ כּל־נדרי־ניגון...

דאָס דרימלענדיקע קינד

וואָס גייט אים אָן פון וועלטן דאָס געווימל,
די בלוטיקע געשלעגן, דער מלחמה־גרויל?
אַ נאַקעט־ראָזער, שמעקנדיקער קנויל
געבאָרן אונטער אַ־דעם פרעמדן הימל,
אויף מוטער־שויס זי גופא נאָך אַ בלימל)
מיט ברוינעם קנאָספּ פון מוטער־ברוסט אין מויל
ער ליגט, און ס'איז אים גוט און וויל,
און ער שמייכלט, שמייכלט אין זיין דרימל...

צו וואָס? צו וועמען?
ווער קען זיַין דער פּותר?
סאַראַ וועלט זעט אויף זיַין מוטערס שויס ער
ווו דער חלום פירט אים אום אַצינד?.

אפשר זעט ער דאָרט זיַין מזל־שטערן,
דעם גוטן מלאך וואָס אים זען
אויך מיר באַגערן,
נאָר דער חלום וויַיזט אים בלויז דעם קינד...

וואָרצלען

גערווים. געווים. דאָס אומגליק וועט אריבער.
דער וואָלקן ביסלעכווייַז צעגייט, צערינט.
הערן נאָך אַ מאָל דעם זאַפטיק־פּראָסטן דיבור
וועט מיַין היים, אויב ניט פון מיר
איז פון מיַין קינד,

וואָס שרעקט זיך נאָך פאַר ווערווריק און ביבער,
וואָס דער קאַנעץ אויף דער וואַנט אויסשפּינט;
נאָר אין אים איך פּלאַנץ דעם מוט,
דעם גלויבן איבער,
דעם געווייסן ס'צו מיַין פאָלק מיך בינדט,

אַז האָבן זאָל אַ וואָרצל ער — צום וואַקסן,
אויף אויסצוהאַלטן אַלע גורל־שלאַקסן,
און פון אונדזער וואָרט די שיינקייט און די פרייד
וואָס אין דעם די בענקשאַפטן פון דורות ברענען
מיטן האַרץ, ווי איך, פאַרנומען זאָל ער קענען
און אויך זיך מקריב זיַין פאַר דעם
זיַין גרייט...

דאָס ציגעלע

די לופט פּאַרטאָגיקע איז פריש, אַ חיות.
אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די שאַרפע קניִעס
כלעפּטשעט, טרינקט אַ ציגעלע אַ ווײַס,
פונעם אַריק, אין וועלכן קאַלט ווי אײַז
און בלעזלדיק עס טוט דאָס וואַסער פליסן.

איז עס ניט אַרויס פון פאָלקס־ליד זיסן
דאָס ציגל מיט דער שנייִיק־ווײַסער פעל,
און מיר נאָכגעלאָפן ביז צו אָט דער שוועל,
ווײַל די וויגעלעך זענען אַצינד דאָרט פּוסט,
ווײַל די קינדער האָט פון מאַמעס ברוסט
דער וואָלף אַעקגעריסן —
דאָס ציגעלע דאָס ווײַסע
ווי דער קינדערשער געוויסן...

וויל איך פון זײַן פעל די וואַרעמקייט געניסן,
וויל איך כאַפּן עס בײַם אויער־לעפּל,
אַ גלעט טאָן דאָס אָנהערנערדיקע קעפּל
ווי אַ פויסט די גרויס, צי ווי אַן עפּל,
אויף די הענט עס נעמען, אויפן שויס,
און צו מײַן קינד אַרײַנטראָגן אין הויז;

טוט עס אָבער מיך אַ שטויס
רוחיש־שטיפעריש, גאָרניט ווי דאָס ציגל
וואָס געשטאַנען איז אַ מאָל בײַ אונדזער וויגל,
טוט עס דיבאָס זיך אַ שטעל,
ווי אַ וואָרט אַ מאָל אין מײַנע לידער,
און ווי אין מיר אַליין אַ מאָל, די זעל
ווען טאָן כ׳מוז עפּעס
וואָס איז איר דערווידער...

קינדעלע מורא

דאָס בעטל איז שמאָל, און מיר — זאַלבעדריט,
איך און מײַן פרוי, און אין דער מיט
דאָס עופעלע אונדזערס...
מיט אַלע פיר
דריקט ער זיך צו צו דער מוטער, צו מיר,
ניורעט זיך אײַן מיטן גאַנצן געביין
גלײַך מע וואָלט וועלן אים לאָזן אַליין
אויפן באראָט פון ניט גוטן, דעם שד
וואָס אין דער פינצטער, ער אים ניט זעט,
הינטער דער טיר אָבער כראָפּעט ער,
שנאָרכט —
טוליעט דאָס עופעלע אײַן זיך אין פאַרכט,
לוישט צו די שאָרכן די דרויסיקע ער
מיט אַ פאַרשפּיצטן האָזן־געהער,
און נעמט מיך וועקן אַזוי ווי אַגב...
טאַטע, דו הערסט? עס וויינט דער האָוו־האָוו,
ניט דער האָוו־האָוו,
ס׳איז דער הארבסטיקער ווינט
„קינדעלע מורא" ענטפערט דאָס קינד
קינדעלע מורא צו מאַכן בײַ־בײַ...

דערצייל איך אים אַז זײַן שרעק זאָל פאַרבײַ
דאָס מעשׂהלע וואָס אין דמיון זיך העפּט,
מיט וועלכן מ׳האָט קינדווײַז מיך אײַנגעשלעפּט
וואָס צוּוואַקסן זאָל עס אויך צו זײַן געמיט.

דאָס בעטל איז שמאָל און מיר — זאַלבעדריט...

סאַיִד באַבײַ

בײַם סאַמע עק פון סאַמאַרקאַנד
דער מזרח־שטאָט דער עלטסטער,
אין דיקן וואַטענעם געוואַנט
אָן אָנגעפּעלצטער,
זיצט פֿאַרנט בײַ זײַן שמידערײַ,
דער אַלטער שמיד סאַיִד באַבײַ
וואָס מאַכן פּלוג דאָ בלאַנק און נײַ
דעם בעסטן אָקעראַײַזן...

ער האַלט נאָך שטײַף
זײַן קאָפּ דעם גרײַזן.
ער איז נאָך פֿעסט און שלאַנק — אַ צעדער.
ער העלפֿט נאָך צו אַ מאָל אויף רעדער
אַרויפֿצוּיִען די אָנגעגליטע רייפֿן.
און אַ הייסן שפּרינגער ווען מע שמידן נעמט
מיט האַרטע פֿינגער ער פֿאַרקלעמט
זיינע פֿיבעריקע שלייפֿן...

זיצט פֿאַרנט בײַ זײַן שמידערײַ
דער אַלטער שמיד סאַיד באַבײַ
און קוקט אַרויף אין שקיעה־פֿלאַם
צום באַרג.
אָן דאָרט באַערדן
אויך אים, אויך אים מע וועט מיסתּם,
אָן דאָרט ווו ס׳ליגט זײַן גאַנצער שטאַם
וואָס האָט געשמידט בײַם זעלבן פֿלאַם
פֿאַר מוטיקע דזשיגיטן * שווערדן...

---

* רייטער־יונגען.

איין שווערד אַזעלכע האָט סאַיִד
פון אורזיידן, דעם ערשטן שמיד
צום אָנדענק
ווי אַ הייליקטום פאַרהיט.
געלעגן אין אַ שייד איז דאָס כּלי זין
מיט שטיינער איַינגעפּאַסט,
באַפּוצט מיט שניצעריַיען,
די שייד אַ זעלטענע,
די שווערד אויך אַן אַנטיקל,
אין אַ טוך פון זיַיד פאַרוויקלט
איז זי געשטאַנען אין דעם שענסטן אָרט פון צימער
ווו מע שטעלט אַוועק נאָר הייליקטימער...

ווען צעווירבלט ס'האָט זיך אויף דער ערד
אומדערוואַרט פון קריג די פיַיער־בערע
אַ בת קול האָט סאַיִד דערהערט:
ציִ אַרויס פון שייד דיַינער די שווערד,
דיַין פאָלקס זי איז — זיַין ערע!
אויף שונא'ס קאָפּ זי ווי אַמאָל
פאַרמעסט מיט קראַפט, סאַיִד,
און זאָל
די שאַרף ער פילן פון דיַין שטאָל
און אויך דיַין האַנט, די שווערע!

נאָר אַלט איז שוין באַביַי סאַיִד,
און אויף זיַין ווילדן פערד איצט פליט
מיט דער ירושה־שווערד
וואָס פינקלט מיט איר קלינגל,
זיַין יונגסטער זון,
זיַין אָדלערל,
זיַין יינגל

(דער ווייפלסטער, ער ניט געדענקט,
כאָטש קלאָר נאָך זײַן זיכּרון),
וואָס זײַן ווײַב האָט אים געשענקט
אין קילער דעמערונג פון יאָרן...

זיצט פאָרנט בײַ זײַן שמידעריי
דער אַלטער שמיד סאַיד באַביי
און קוקט אַרויף צום קברים-באַרג
ווו שאַקאַלן און דער טויט נאָר וואַלטן.

אָן, דאָרט אויך אים מע וועט באַהאַלטן
ווען אים אַ רוף טאָן וועט צו זיך אַללאַך...
נאָר איצט ער בעט בײַ אים איין זאַך,
אַ ביסל כּוחות זאָל ער אים נאָך געבן
די ווילד-אַנטלויפנדיקע טעג צו האַלטן
ווי דעם אָגער בײַ זײַן צוים.
ער וויל נאָך יענע לעצטע שעה דערלעבן
ווען קומען פונעם קריג צו שוועבן
אויף אָנגעהיצטן פערד אין שוים
עס וועט זײַן זון, עס צובינדן צום בוים,
אונטער וועלכן ס׳האָט זײַן מאַמע אים געזויגן,
און אויפגיין וועט פון זוים ביז זוים
דער צוגעזאָגטער שלווה-רעגנבויגן...

און דעמאָלט מעג פאַרמאַכן ער די אויגן...

דער באַכשי *

ווען דער קנאַכיק־גרײַזער זקן וואָס באַקאַנט
מיט זײַן שפּילן איז פון לאַנג אין גאַנצן קאַנט,
דעם דוטאַר ** רירט אָן מיט זײַנע דינע פינגער,
אַ ליכטיקייט גייט אויף
און עולן ווערן גרינגער
פאַר די וואָס אַרום אים אין קרײַז
פאַרגאַפטע און פאַרחידושט זיצן...

ער זינגט וועגן די טאָלן
וואָס פון בוימוואָל זענען ווײַס
און פון די בערג מיט דימענטיקע שפּיצן,
וואָס דעם דמיון רייצן פונעם אַלפּיניסט
צום עקשנותדיקן קלעטער...
און פונעם טײַך וואָס דורכן טאָל ער פליסט,
און פון דער ערד דער פרוכטבאַר־פעטער,
פון ברידערשאַפט,
פון פרייד־באַלוינטער מי,
פון ליבע, פון טויט, און פון געבערן...

זײַן ליד איז תפילה און חזיון־פלי,
דער גלעט פון חסד און פון שטראָף דער ברי,
און אויך מלחמה־רוף
ווען עמעץ אויף די קני
דאָס פאָלק וויל שטעלן
אין זײַן ליד קענסט הערן...

אין זײַן פלאַמיק האַרץ שמעלצט אוים דער באַכשי
עס זאָל געדויערן, עס זאָל געווערן...

---

* פאָלקס־זינגער.
** סטרונע־אינסטרומענט

דאָס פּאַסטעך־קינד

אויפֿן סטעזשקעלע דעם קילן,
אין באַגינענס בלוי־געוועבס,
טרײַבט אַ מיידעלע איר שטילן,
ווײַסן שלעפּעריקן שעפּס...

פֿונעם שלאָף פֿרי אויפֿגעריסן,
באָרוועס גייט זי ווי געשוועבט,
און די אויגן זיך נאָך שליסן
ווי פֿון מײַהאָניק פֿון זיסן
פֿון אַ חלום נאָך פֿאַרקלעפּט...

וואַשט זי אויס פֿון זיי דעם דרימל
אינעם טײַכלס קאַלטער וועל,
אַז אַריין דער גאַנצער הימל
מיטן שוואַלבישן געווימל
זאָל אין זיי,
ביז ווײַטסטער שוועל,
ביז די בערג וואָס שוימיק בלענדן
מיט דעם שניי־שפּיצן־געציר
ביז די קני, אַרום די לענדן,
ביז די מאַניענדע אומענדן
וואָס גאָר ליב זיי זענען איר...

אויפֿן סטעזשקעלע דעם קילן,
אין באַגינענס בלוי־געוועבס,
טרײַבט אַ מיידעלע איר שטילן,
ווײַסן שלעפּעריקן שעפּס...

בײַ די הערנערלעך נאָך דינע
שלעפּט אים אײַנגעשפּאַרט דאָס קינד,

באַרג אַרויף ווי גראָזן גרינע
הערן איַין זיך אין נגינה
וואָס עס ניגונט זיי דער ווינט...

דאָרט לאָזט זי דעם עקשן שטומען
אָפּ פון שטריקל
און אַליין,
גליַיך זי וואָלט אין ווינטלס ברומען
פּישוף-דודעלעך פאַרנומען
לאָזט זי אין אַ טאַנץ זיך דריי׳ן...

טאַנצט אין זיַיד-קלייד גרעל-קאָלירטן,
שוועבט זי לופטיק, גרינג;
דאַכט זיך,
ניט די קליינע הירטן,
נאָר איבער די קוסטעס מירטן,
איבער גראָז דעם קוים באַרירטן
שוועבט אַ שמעטערלינג...

שוועבט זי, גליַיך איר גוף פאַרמאָגן
וואָלט ניט קיין געוויכט...

נאָר ווערט היים ניט צום פאַרטראָגן,
אַזש חלשות טוט באַשלאָגן,
זי אונטער אַ בוים פאַרקריכט
מיט צוויַיגן פלאָנטערדיק-געדיכטע,
צי אין שאָטן פון אַ שטיין,
און איר האַרץ שפּינט אויס געשיכטעס
מיט קער און ווענדן אומגעריכטע,
פאַרשטענדלעכע
נאָר איר אַליין...

מזרחדיקער מאַרק

קאַפּטנס פאַרביקע. רויטע, געלע, גרינע.
טיוביטייקעס — פּורפּור. טשאַלמעס — ווי דער שניי
וואָס בליצלט דימענטיק
אויף די בערג פון דער מדינה; —
וואָס זוך איך דאָ? ווי קום איך צווישן זיי?

איך קוק אויף אַלץ מיט אַ פאַרגאַפטער מינע,
גלייַך אַ מעשׂהלע פון אַ באַקאַנטן בוך,
פּלאי פּלאים׳דיק
אויף אויסטערלישער בינע,
האָט אויפגעלעבט לויט אַ מכשפס שפּרוך...
גלייַך אַלע זאַכן אַרום מיר, — דערקאָרן
זענען בלויז צום מעשׂהלע — ניט מער,
און באַלד וועט זיך דער מאַג פון מייַנע קינדעריאָרן
באַווייַזן מיט זייַן מאַגישן לאַמטער...

ניט קיין מאַרק — אַ מאַסקאַראַד אַ בונטער.
אַלע האָבן צו אַ יום טוב זיך פאַרשטעלט;
אָט לאָזן זיך מיט מוילאייזלען אַרונטער
יעקבס זין פון באַרג (זיי רעקוויזיט ניט פעלט)
און „מכירת יוסף״ וועט ווערן פאַרגעשטעלט...
און דער וואָס זיצט מיט שטראַלנדיקן שטערן
ביי דער טשייַנע ווי אויף הסב־בעט, באַקוועם,
ניט קיין היגער תּושב איז,
כ׳קאָן שווערן
ס׳איז אַ פאַרשטעלטער דער בעל שם...

איך שטיי מבולבל, אַן אַרומגעקרייַזטער
מיט שלעק ווי אין פאַרצייַטיקן כּנען,

מיט לצים, קונצנמאַכער. מעש און קופּער-מײַסטער,
שווינדלער וואָס אַרויסרופן
זיי קענען יענ'וועלט-גײַסטער,
זנאַכערס און אַסקעטן מיטן וואַנדער-טײַסטער —
אַן עקזאָטיש-ברומענדיקער באַלאַגאַן...

נאָר ביז די קני מיט אָפּגעזעגטע קנאָכן
טאַנצט אַרײַן אין מאַרק אַן אינוואַליד;
ווי אַ פויגל וועמעס פליגל-פּאָר צעבראָכן
אַכזריש עמעץ האָט, און ניט ער פליט,
נאָר האָפּסלט זוכנדיק אין פעלד זײַן ביסן,
ער טאַנצט אַרײַן אויף קוליעס צוויי
און שטיין
ער בלײַבט אין מיטן מאַרק, ווי דאָס געוויסן
פון מאַרקישן המון —
אַ מאָנומענט פון שטיין
וואָס אויסגעדליבעט ס'האָט אַ האַנט מיט פלײַס אים
פון איין הליבע, פון איין גאַנצן שטיק...
קוק איך אויף אים, דעם מאַן פון העלדן-מעשׂים
וועמעס פיס ס'האָט אָפּגעזעגט דער קריג,
און ס'דוכט זיך מיר:
ס'נעמט זיך דער מאַרק צעשווימען
מיט אַלץ וואָס איז אויף אים פאַראַן.
ער לייזט זיך אויף ניט לאָזנדיק קיין סימן,
און ווי אין פילמען, אין אַ מילכיקן טומאַן,
טויכט פאַמעלעך אויף אַ נײַער קאַדער
און איך דערזע מיך פון אַ מאָדנע שיין באַהעלט
ערגעץ אויף אַ זאַמל-פּלאַץ
אין מיטן כּדור,
דעם צעפּייניקט-וווּנדיקן כּדור פון דער וועלט...
און דער בנין מיט די מינאַרעטן ווי ראַקעטעס
פאַרקוקטע אין דער טיפקייט פונעם אַל

איז גאָרניט קיין מעטשעט, ניט קיין געבעט־הויז,
נאָר אַ פּאָרכטיק־שטרענגער פעלקער־טריבונאַל.

און רײַטנדיק, צו פוס, מיט וואָס מען קאָן נאָר,
שטראָמט דאָס פאָלק אַהערצו פון באַגין,
עס קומען מחנות מאַנער און דערמאַנער,
דאָ וועט מען די פאַרדאַרבער משפּטן טעוטאָנער,
און זײַן עס וועט אַ האַרבער דער פּסק דין...

און פײַערלעך, ווי אין די פאָלקס־מיסטערן,
טאַקע דאָ, אין מיטן פּלאַץ, אויך ווערן
אויסגעפירט וועט דער גערעכטער פּסק;...

פּלוצעם טוט מיך וואָס אַ שטויס — אומגערן?
דאָס האָט מיך מעשׂה שׂטן פון מײַן קלערן
אַרויסגעשלאָגן אַן אייזעלע, אַ שלאַק,
אַ פּיצעלע, עס טראָגט אַ זקן אויפן רוקן —
אַ נביא דען? צי פון די פּני הדור?
ס׳איז זיין פּנים פּאַרמעט־געל און טרוקן,
אַלע זיך פּאַר אים מיט דרך ארץ בוקן,
און ווידער מיך פאַרכאַפּט די טומלדיקע וואָר
פון מאַרק, וואָס סצעניש אויסגעשטאַט איז,
דער קויפער און פאַרקויפער־טאַראַראַם,
דער ווירוואַר פון מענטשן, און דער פּאַטאָס —
דער קאָפּ פאַרדרייט זיך אַזש ווי אויפן ים
אויף אַ שיף אַ שיכּורער איך וואָלט געשווומען,
און ווידער קאַפּטנס פון פאַרביקן געוואַנט,
און קולות אויף אַ שפּראַך וואָס איז מיר
אומבאַקאַנט...
ניין, ניט קיין מעשׂהלע, בראַנדיקע סאַמומען,
פון קריג די גרויזאַם־צעפּאַלאַשעטע מהומה
האָט מיך געבראַכט אין אַ־דעם
מעשׂהדיקן לאַנד...

אין בוכאַרע

אין דער אַלטער שטאָט בוכאַרע,
מיט דער לאַסט אויף רוקנס דאַרע,
פלעגט אַ קעמלען־קאַראַוואַן
דורך געפּלאַצטע קאַלך־סטעפּן,
מדבר־זאַמדן — לאַנג זיך שלעפּן
ציילנדיק די מידע שפּאַן.

און מיך געבראַכט אַהער די באַן האָט
וואָס מיט מדבר־ווינט געטענהט
אויף הייסן מדבר־דיאַלעקט,
אַהער ווו ס'האָט מיט עפּעס וויַיטן
פון מיַין אייגענעם פאַרציַיטן
פּלוצעם מעשׂהדיק פאַרשמעקט...

מיד פון וועג, פון וואָגל־וואַנדל,
כ'לייג אַוועק דאָס טשעמאָדאַנדל
אין דעם צימער פון האָטעל,
נאָר פאַר וואָס, כ'קאָן ניט באַנעמען,
נעמט מיך באַלד אַן אומרו קלעמען
ווי כ'טרעט אַריבער נאָר די שוועל,
גלייַך דאָ וואָלטן פון געשפּענסטער
זיַין אַסיפות אין די נעכט...

שטעקט די סיבה ניט אין פענצטער
מיט דעם קראַטעס־איבערפלעכט,
וואָס דערמאַנט אַ תּפיסה־קאַמער
און דעם מענטש אין רישעות־קלאַמער
וואָס פון אוממענטש איז פאַרשוועכט?

עס קאָן זײַן — זאָגט שטיל אַ שטים מיר,
אַז אַ מורד אַנאָנימער
האָט געשמאַכט אין אַ־דעם צימער,
צי אַ נביא פון דעם קאַנט
װעמעס װאָרט געװען איז פלאַמיק,
פאַר דער אַכזר־מאַכט — פאַרדאַמיק,
צוגעקאָװעט צו דער װאַנט
ביזן טויט איז דאָ געזעסן —

(האָט דאָס פאָלק אים ניט פאַרגעסן?
אים צו גוטן מע דערמאַנט?)
ס׳קאָן אויך זײַן: אַן אומבאַװוּסטן
שטערן האָט אַנטדעקט אנוסטן
דורך דעם פענצטער אומגעריכט
אַ שטערן־זוכער...
דורך זײַן גלעזל
פון דער װײַטער שײַן ס׳געבלעזל
דאָ דערפילט אויף זײַן געזיכט...

און פילײַכט זײַנע גאַזעלן,
צאַרטע, גײַסטפולע געמעלען,
געשפונען נאַװאָי דאָ האָט,
ער אויך הײַנט דער פרישסטער קװאַל איז
װאָס דאָס פאָלק שעפּט אין התפעלות
פון זײַן דיכטערישער גנאָד...

נײן, איך האָב ניט קײן השׂגה
שולדיק װאָס ז׳איז מײַן טרעװאָגע,
גלײַך אַן אומגעװײנלעך קהל,
שאָטנס בלאַסע, ניט געזע׳נע
פון געפײַניקטע פון יענע,
אויפגעװעקט זיך מיט אַ מאָל,

און מיט נייַגער מיט דערוואַכטן
מיך פון אַלע ווענט באַטראַכטן
אַזש דאָס בלוט אין מיר פאַרקילט...

ניין, כ׳וועל דאָ ניט איבערנאַכטן
איר מעגט טראַכטן וואָס איר ווילט...

כ׳נעם מייַן טשעמאָדאַנדל,
האַסטיק
כ׳טו מיט דעם די טיר אַ שטויס,
און ווי פון אַ כיטרער פּאַסטקע
ראַפּטאָס כ׳לויף אין גאַס אַרויס,
וווּ די לופט איז זיס ווי האָניק,
וווּ פון שטאָט־אַרכיטעקטאָניק,
וווּ פון אַלץ וואָס חידושט, רעגט,
האָט מיר איצט מיט עפּעס ווייַטן,
פון מייַן אייגענעם פּאַרצייַטן
פלוצעם מעשׂהדיק פאַרשמעקט...

אין האָטעל

שטייט אַ בוים בײַם אַרײַנגאַנג אין האָטעל.
קאַפּויער, אויפֿן קאָפּ עס טראָגט זײַן שטאַם ער,
ער שטייט — אַ יאַדעשליזשע שומר בײַ דער שוועל,
פֿון אַ קראַנקן דמיון אַ װאַנזיניק געמעל,
אַ געשפּענסט,
דער הויקער נאָטערדאַמער.

מיר פֿריקרע ווערט ווען ער זײַן צווײַג באַוועגט
ווי מיט האַנט זײַן הילצערנער אַ קריפּל;
אַ גליק דאָס מיידל פֿון ביוראָ (זי מײַניק שמעקט)
שווימט צו צו מיר און ווער איך בין מיך פֿרעגט,
ווי אַ קינד פֿאַרבײַסנדיק דאָס האָניק־ליפּל...

מײַן פּאַס ביי מיר מיט העפֿלעכקייט זי בעט:
אַ נאָמען כ׳האָב געוויס, כ׳בין ניט קיין ניסתּר?
איך היים כאַסאַן, וויל טרעפֿן זי, אַכמעד?
זי אַלע פּרטים דאַרף פֿון מײַן אידענטיטעט
פֿאַר דעם האָטעל־רעגיסטער...

אַ פֿרעמדער גאָר און פֿון אַ ווײַטן עק?
טוט זי אַ בלענד מיט די שוואַרצוווּנדערסביידע.
זי שווערן קען אַז איך בין אַן אוזבעק
וואָס אַלע טאָג גייט איר פֿאַרביי דעם וועג
און אַז ווי זי אַ היגער כ׳בין מלידה...

כאָטש זי אויך צווייפֿלט אין דער זעלבער צײַט,
ווײַל עפּעס צערפּולס שאָטנט אויף מײַן שטערן,
און מײַן בליק זעט אוים פֿאַרלאָרן און צעשטרײַט

גאָרניט ווי ער איז ביַי די היגע יונגעליַיט
וואָס תקיפות שלאָגט פון זיי און גלי־באַגערן...

זי פאַרשריַיבט אין פינקס
ווער און ווען און וואָס,
דעם ציל פון מיַין באַזוך, מיַין נאָמען, עלטער;
איך בין דאָך אַ פּאָעט, ניט אמת? דאָס
איז איר געוואָרן קלאָר ווי נאָר מיך דורכן גלאָז
זי האָט דערזען פון דער האָטעל־טיר...

זי קען ניט זאָגן לויט וואָס זי האָט דערקענט.
דאָס איז איר סוד. ווען זי אַפילו ווען
וואָלט מיר דערקלערן דאָס,
וואָלט זי אויך ניט געקענט.
אַ פּנים אַז איר האַרץ ווען נאָר אַ האַרץ גענענט
כאַפּט ווי אַ ראַדאַר אויף די שטילסטע וועלן...

אָ, דיכטונג, — כ׳הער פאַרגאַפּטקייט אין איר קול, —
אין איר לאַנד די לופט דאָך פול מיט איר באַלאַזם איז,
ווי מיט ריחות פול ס׳איז דאָס פאַרגאַנער טאָל;
זי קען אויף אויסנווייניק לידער אָן אַ צאָל
ווי די גאַזעלן אומפאַרגעסלעכע ניזאַמיס,

ווי די רובייַען פון דעם מאַג כאַיאַם —
חכמים און וויַטזיכטיקע — זיי שפּילן
ביז היַינט אַריַין אין בלוט פון פאָלק
מיט זייער גראַם,
זיי פלעפן נאָך מיט ניט פאַרצערטן פלאַם,
און רעגן דעם געדאַנק און די געפילן...

אַזוי איז כלומרשט שעמעוודיק און שטיל
מיר דאָס מיידל איר מהות מגלה...

און אויב איר שטאָט דערקענען ס'איז מײַן ציל
ווּ צו זען פֿאַראַנען ס'איז ווּנדיירים פֿיל,
קען זי די ווינקלען די פֿאַרהוילטסטע אַלע,
קען זי יעדן שפּור וואָס ס'האָט
געלאָזט איר פֿאָלק אין דעם גן עדן היגן,
אַיעדן זייל און סקלעפּ אין קילן גראָט,
די חורבות אײַנגעהילטע אין טומאַן פֿון סוד,
זי קען מיר ווײַזן אַלץ מיט פֿאַרגעניגן...

זי הייבט די אויגן אויף (וואָס פֿאַר אַ שײַן!)
אין זיי דעם צאַפּל כ'זע פֿון איר נשמה,
זיי זויגן ווי אַ ליכטיקער תּהום מיך אײַן,
זיי איינשטילן מסוגל זענען יעדן פּיין,
און כ'טראַכט אַז מער פֿון אַלץ וואָס מײַן
באַווּנדער דאָ פֿאַרדינט ,איז זי מיסתּמא...

בײַם אַלטן קופּאַל

בײַם אַלטן קופּאַל, ווען די זון פֿאַרגייט —
אַזוי האָט שעמעוודיק מיט מיר זי אויסגענעמען;
איז זי געקומען אין אַ זײַד-געבלימטן קלייד,
די צעפּ אַרום דעם טיוביטייקעלע פֿאַרדרייט,
און ווי אַ שלענגל
שוואַרץ-צענויפֿגעפּירטע ברעמען...

און כ׳האָב דערזען (ווי זען עס קאָן אַ ייִד)
אַזויפֿיל ענלעכקייט מיט יענער אין די שטריכן,
יענע, וואָס פֿון פּיקסן
האָט איר ווײַנגאָרטן געהיט,
ווען ס׳האָט אַ קעניג געטראָגן אין געמיט,
און מיט דער רויז פֿון שרון זי פֿאַרגליכן...

כ׳בין שוין ניט נאָכגיביק דעם כּישוף פֿון אַ פֿרוי,
שוימלאָז, לויטער שוין דער צופֿלוס פֿון באַגערן,
נאָר פֿון אירע אינד-אויגן,
פֿײַכטע ווי אין טוי,
פֿון איר אומשולדיק-פֿאַרפֿירערישן שמייכל,
ווי אַזוי
געקאָנט האָב איך זיך אין דעם אָוונט ווערן?.

די אָוונט-שטילקייט האָט געשאַרכט ווי זײַד,
פֿאַריזלט האָט אַ רו אין אַלע האַרץ-געוועבן,
און איך בין נאָכגעגאַנגען איר
מבולבל און צעשטרײַט,
ווי יענער אַנדערער וואָס איז געבליבן ערגעץ ווייט,
נאָר שטענדיק שפּיר איך זי דערנעבן...

און דאָרשטיק כ׳האָב געקוקט אויף איר,
כאַטש שעפּ
איר שמייכל אוים פון מויל
ווי מעד פון קריגל; —

זי איז געקומען אין אַ קלייד פון דין געוועב,
פאַרדרייט אַרום דעם טיוביטייקעלע די צעפּ
מיט שוואַרץ-צענויפגעפירטע ברעמען
ווי צוויי פליגל...

דאָס אוזבעטשקעלע

דאָס טיובּיטייקעלע פון סאַמעט אויסגעשטריקט
מיט פעדעם זײַדענע און פליטערקעלעך דינע, —
ווי חנוודיק אויף קאָפּ פון באָקפּישל דאָס ליגט,
זי, וועמען עס זינגען אָדעם דאָ אַנטציקט
די באַוווּסטע דיכטער פון מדינה...

אוזבעקיש איז איר טיובּיטייקע בלויז
און דער פּאַרקעם דער גלאַטער
מיט אַ שרינט אין מיטן,
מיט אַלעם איבעריקן איז זי דער צײַטס דורכוים,
אין דור וואָס האָט געוויגט זי אויף זײַן שוים,
מיטן באַנעם,
מיט די השגות,
זיטן.

זי לערנט שפּראַכן דאָ, אין אינסטיטוט.
דערקענען וויל די וועלט זי
און די פראַגע
אָפּן, שאַרף זי שטעלט (יאָ, זי האָט מוט)
צי בלײַבט פאַרשעמט די טיובּיטייקע פאַרן הוט
אין פּאַריז,
אין לאָנדאָן
צי טשיקאַגע...

עס וועקט איר נײַגער אויך מײַן יחוס-שטאַם:
„איר זענט מיר ווי אַ בוך אַ נאָך ניט אויפגעשניטנס;
איר קומט דאָך אויך פון מזרח, פונעם מזרח-פלאַם,
וועגן אײַך געזונגען ס'האָט גאַפור גוליאַם
און דערזען האָב איך אַ פאָלק אַ פיל-געליטנס

וואָס אויף לאַנגן וואָגלוועג פון פּײַן,
פון האָס־געוויטערן, פון גזירות, צאָרן,
האָט עס אײַנגעשפּאַרט געזאָגט זיך:
זײַן!
און דעם שטאָלץ פאַרהיט און די נשמה־שײַן
מיט וואָס באַשאָנקען ס'איז געוואָרן...

און געוואָרן ס'איז
וואָס מער מ'האָט עס געשענדט,
וואָס מער געברענט עס אין די פלאַמען,
געשליפענער זײַן גײַסט,
געקראָגן נאָך מער בלענד —
איך האָב אײַך דאָך כמעט ווי ניט געקענט
ביז דער ליד־אַנטפּלעקונג פון גוליאַמען..."

איך האָב געשוויגן צעטומלט פון די רייד.
אַזוי צעטומלט בלייבט מען שטיין אַוודאי
אין אָוונט־סאָד ווען זיך די נאַכטיגאַל פאַרגייט
און שיסט אַרויס איר שוימענדיקע פרייד
אין אַ כישופדיקער טריל־טיראַדע...

ווי מוזיק איר קול געגלעט האָט מײַן געמיט,
געוועזן אין דעם פון קלוגשאַפט
דער גענאָד איז,
און אַנטציקט, האָט זיך דער ווילן
אויך אין מיר צעגליט,
ווי די זינגער היגע באַדאַנקען מיט אַ ליד
דאָס קינד פון לאַנד
ווו ס'שמעקט מיט מאַנדל־צוויט,
מיט ליבע
און מיט טויזנט און איין נאַכט־אַגדות...

מיט פאַרצייטיקייט דאָ שמעקט

מיט פאַרצייטיקייט דאָ שמעקט,
דער שטויב פון דורות ניט פאַרדעקט
האָט דאָ דעם מיטלעלטער;
וועגן אייפער פון מטורפע געוועלטער,
וועגן מאַכט-גיר און נקמה
ווילדע מעשׂיות איך פאַרנעם,
וועגן בלוטיקייט און פלינדער
און נגישה,
און וועגן מיידעלעך
ווי די פאַרטאָגן, פרישע
אויסגעצאַנקטע ביַי עמירן אין האַרעם...

און דאָס מיידל מיט אַקסעלעך און פלייצע
אויסגעטאָקט ווי אַ ראָדען-סקולפּטור,
צווישן די רוינען מיך באַגלייט זי
און וועגן יעדן פון אַמאָלן אויסגעשיילטן שפּור,
וועגן יעדן שטיינדל און גראַווירן,
וועגן אַלץ מיט וואָס באַרימט איר שטאָט איז
מיט דערהויבנקייט דערציילט,
מיט פאַרליבטקייט, שטאָלץ...

נאָר ביַי מיר אין קאָפּ מלחמה-טעלעגראַמעס
פּיקן, פּיקן ווי דער פּיקפויגל אין האַלץ...
פּיקן זאָרגן פאַר די טאַטעס און די מאַמעס
פאַרבליבענע אין טאָל פון וויי און ווינד
וווּ ס׳גייט די אַרגיע פון מאָרד אַצינד...
און אויף מיר אַ קעלט נעמט פלוצעם יאָגן,
גלײַך זי געגאַנגען וואָלט פון יענעם סקלעפּ

ווו ס'ליגט אַ קעניג, לויט די כתיבות זאָגן,
אַ קעניג וואָס די אָפּגעהאַקטע קעפּ
פֿון מורדים, ווי געשײַערט־גלאַנצנדיקע טעפּ
אויף שטאַנגען האָט אַרויפֿגעשלאָגן...

איך לויף אַרויס, אַראָפּ, אַראָפּגעטראָגן
פֿון אַלע פֿאַלאַץ־טרעפּ
ווי אַ קינדער־באַל,
צוריק אין שטאָט.
ס'איז אָוונט שוין. די שטערן
שיטן זיך ווי פֿליטערלעך בעת אַ קאַרנאַוואַל.

אפשר וועל די בשורה איך דערהערן
וואָס הערן זי איצט גאַרט דער גאָרער אַל...

נײַיאָר־נאַכט אין דער פֿרעמד

ווינטער. אַזוי ווי בײַ אונדז אין דער היים,
די היים וואָס מיט איר כ׳בין באַהאַפֿטן געהיים
דורך וואָרצלען דינע וואָס ציִען פֿון דאָרט
די זאַפֿטן מיט וועלכע מײַן דיכטעריש וואָרט
נערט זיך, נעמט צו אין דער וואָג
און עס שטײַפֿט.

ווינטער. און ווי אין מאָלדאַוויע פֿײַפֿט
דער ווינט בײַ מײַן פֿענצטער אויף וועלכן אַ האַנט
האָט אויסגעשניצט ווי אויף אַ טעמפּלשער וואַנט
פֿאַנטאַסטישע שלעסער,
גלײַך דורכגעשפּרײַזט
ס׳האָט דאָ אַ קינסטלערס צעשויבערטער גײַסט
און האָט אויף די שויבן זײַן אָטעם געלאָזט.

טאָ ווי מײַנע פֿרײַנד, זענט איר איצטער?
אַ טאָסט
פֿאַר דער ווידערבאַגעגעניש דיכטע איך אויס,
פֿאַר יענער שעה ווען אַרײַן אין מײַן הויז
איר וועט מיט אַ טומל אויף ס׳נײַ ווי אַ מאָל,
אַז אויפֿצאַפּלען ווידער פֿון נחת עס זאָל
דאָס האַרץ אינעם קלעם פֿון פֿרײַנדלעכע הענט,
וועמעס באַריר איך וואָלט תיכף דערקענט
לויט זייער וואַרעמקייט, לויטן גערוך,
ווי ס׳פֿלעג מײַן טאַטע דערקענען אַ בוך
וועלכעס אין האַנט ניט גענומען פֿון לאַנג
און אַרויסשלעפּן עס אין דער פֿינצטער פֿון שראַנק...

אויך איר האָט אַ סך זיך געביטן מיסתּם,
אַנדערש געוואָרן, ווי איך, ווי מײַן גראָז
אויף וועלכן עס שאָטנט דער צער פֿון מײַן שטאָט
וואָס דורכגיין ז׳באַשערט אים אַ שרעקלעכן פּרוּוו,
ליגט ווי אַ צייכן וואָס מ׳האָט אויף אַ גוף
מיט גלײַיקן שטאָל אויסגעברענט ביזן ביין,
נאָר ער האָט פֿון דעם גאָר געוווּנען אין חן...

אויך איר די פֿאַרשייטקייט די יינגלשע האָט
אָנגעווווירן מיסתּם, און עס איז אייער טראָט
געוואָרן מיושבדיק, ווי דער געדאַנק
וואָס האָט שוין אַ טראַכט
פֿאַר זײַן פֿליסיקן גאַנג,
צו רײַפֿקייט געגרייכט געווים אײַער זין,
געשליפֿענער אַלע עמפּינדונגען — דין,
שאַרפֿער געוואָרן מיסתּם דאָס געהער
פֿאַרן מענטשלעכן זיפֿץ,
דער צערפֿולער טרער,
און ווי איך וואָס דעם תּמצית
פֿון ווערטער דורכדרינג,
און אונטער דעם פֿעטן, זיך שמעלציקן שמינק
די פֿאַלשקייט, פֿאַרשטעלטקייט פֿון יענעם דערקען —
איר האָט אויסגעלערנט זיך טיפֿער אַלץ זען...

נאָר איר, מיט וועמען אין אָט דער נאַכט
מיר האָבן תּמיד אין איינעם פֿאַרבראַכט,
מיט פֿריילעכקייט יונגער,
געלעכטער און שפּיל,
מיט לײַכטקייט פֿון נאָך ניט פֿאַרבלאָנדזשעט געפֿיל —
ווּ זענט איר אַצינד? רופֿט אָפּ זיך, איך בעט...

דער טעכניקער וואָס אין געמיט איז פּאָעט,
צי זיצט ער איצט איבער אַ צייכענונג־ברעט
און צו להכעיס אַלצדינג וואָס געשעט
אויף געקרייציקטער ערד וואָס געפּלאַצט ווי אַ פּאַס
פון צעפלאַקערטן האַס,
פון געיעג־משוגעת,
מערקט ער אָן פון דער טראַסע דעם פּלאַן
פאַר דער טראַנסוועלטישער,
פרידלעכער באַן?

צי גיסט איר גאָר שטאָל ערגעץ אויפן אוראַל?
צי זוכט איר פון גאָלד אַ פאַרבאָרגענעם קוואַל,
דאָס שוואַרצע,
וואָס פליסט אין אונטערערד טיף?
צי פירט אין דער נאַכט איר אַ לאָקאָמאָטיוו
וואָס פליט — אַ פאַנטאַס — אונטער בלייִיקן שאָט,
אויף דרום, ווו ס'שטורעמען באַפרייער אײַער שטאָט,
מיט וויכטיקן לאַד, מיט טײַערן לאַד?

און דער וואָס צו פעלקער־מקורות ער האָט
געגראָבן מיט לײַדנשאַפט זיך — ער מיסתּם
העלפט זוכן די פעדעם צום אור פון אַ שטאַם,
וואָס ניט געדענקט ווען געווען נאָך אַ קינד,
און מיט זײַן שורש אים ווידער פאַרבינדט?...

דורך אַן אומהיימלעכן, שנייִיקן וואַלד,
ווען עמען אַ ווינט אַ מטורף באַפאַלט
ווי וואָלפישע סטאַדעס מיט הונגער־געהויל,
אַז ס'נעמט אַדורך אַלע גלידער אַ גרויל,
צי גייט איר אויף אויסשפיר אַצינד
און דאָס אויג
דערקענט אין דער פינצטער דעם ריר און בויג

פון יעטוועדן שאָטן אין רויכיקער ווײַט ?...
צי שלײַכט איר זיך האָפּערדיק צו אַ פאַרבײַט
פון חבר געפאַלענעם הײַנטיקע נאַכט
מיט בלוטיקן פײַנט אין אומגלײַכער שלאַכט ?
צי טראָגט איר אַוועק אים און סאַפּעט, פראַכט
אונטער דער וואָרעמער, מענטשלעכער לאַסט
אַזוי ווי פּאָר ברידער פון וואָפן עס פּאַסט ?

צי איר אין אַ פעלד־שפּיטאָל ערגעץ זיך מידט,
און ביז אין פאַרוואונדעטע ווידער פאַרזידט
דאָס חיות אַנטרונענע — טרעט איר ניט אָפּ ?
צי איר אַליין ליגט האַלב־טויט אין אַקאָפּ,
און קיינער ניט ווייסט ווו פאַרפאַלן איר זענט,
און מיט הילף צו אײַך ניט גענענט ?...

ווינטער. דער וויפלסטער ווינטער פון קריג.
איך זיץ מיט אַ בלאַנדזשנדיק־מאַטן בליק,
און ס׳ברענגט אײַך מײַן בענקשאַפט צו פירן געהיים,
פון די זאַוואָדן, פון גריבער מיט ליים...
זי זעצט אין מײַן צימער אײַך אויס
ווי אַ מאָל,
האָט זיך ניט געמינערט, חלילה, די צאָל ?
האָט קיינער, חלילה זיך ניט געפעלט
אין מיטן פון תוהו ובוהו׳קער וועלט ?

שלום! ווי גייט עס? ווי לעבט זיך עס אײַך?
ווי איז אײַך געלונגען דעם פעכיקן טײַך
אַריבערצושווימען? זיך ראַטעווען? ווי?

בײַ יעדן אין האַרץ איז געבליבן דער ברי
פון גרוויליקער שחיטה,
פון אַנווער,
פון צער?

בײַ יעדן אין אַפּלען פֿאַרזיגלט פֿון יאָר
די אָפּשפּיגלונג איז... דער בלוטיקער שניט?
בײַ יעדן מיט אַש די טשופּרינע באַשיט?

און ס'העפּטן זיך מעשׂיות וואָס נעמען מיך מיט
אויף פֿײַנפֿולע וועגן פֿון וואָגל און שרעק,
פֿון מוט, פֿון נקמה, פֿאַרביסן געשלעג,
און ס'וועבן גורלות זיך אַלע ערליי,
און איך ווער געפּרוּווט מיט יעדן פֿון זיי,
און טייכן איך שטורעם
און שטעט נעם איך אײַן,
אַז אויפֿגיין פֿון ברודערשאַפֿט גוטער די שײַן
זאָל איבער זיי, און צעשמעלצן דעם פּײַן.
און איך בין מיט אײַך אין אַנטשיידענער שלאַכט,
און איך מאַך דורך אין דאָזיקער נאַכט
אַלצדינג וואָס איר האָט דורכגעמאַכט...
און אין דער פֿרי כ'הייב מיך אויף מיט מײַן ליד
אין וועלכן פֿון וואָגלען נאַכטישן, מיד
ס'האָט ווי אַ טויב זיך מײַן בענקשאַפֿט פֿאַרוקט,
ציטערט פֿון קעלט, יעדער גליד אין איר צוקט,
מיט איין אויג אויף מיר מיט פֿאַרוואָרף זי קוקט,
מיט צווייטן צופֿרידן וואָס ביז אין דער פֿרי,
ניט אומזיסט האָט געוואַכט מיט מיר זי...

אין שפּאַס

די לבֿנה ווי אַ טיובּיטייקע
מיט גאָלדענע אוזאָרן אַלערלייִקע
אָנגעטראָגן האָט דער אָוונט-ווינט
און שיף
אַוועקגעלייגט זי אויף די הימל-זאַמדן.
אַנטציקן זאָל זיך אַ פּאָעט,
צי גאָר אַ למדן
זאָל באַטראַכטן זי מיט זײַן שפּאַקטיוו,
זאָל באַטראַכטן און ס׳זאָל פּאָרשן זי ער,
גלײַך ער האָט נאָך קיין מאָל, קיין מאָל פריִער
די פּלאַנעטע ניט געזען,
און פאַרחידושט קוקן דורך די ניקל-רערן
און אַ גאַנצע נאַכט ניט קענען זיך דערקלערן
דעם אויסטערלישן פענאָמען...

נאָר מײַן פרוי וואָס דורכן פענצטער
קוקט אַרויס,
ווערט אַלע מאָל פאַרבלענדזשעט
און ווי לבֿנה-קראַנקע אויסגעבלאָסט,
זי טראַכט: זי האָט קיין טיכל ניט,
קיין שלייער,
און אַזאַ מין טיובּיטייקע וואָלט איר זייער,
זייער געפּאַסט...

***

מזרח-ווּנדער. ס׳ווערט פון זיי מײַן בליק
פאַרכאַפּט, וווּהין כ׳זאָל מיך ניט קערן.
און אַלץ מיט וואָס איך זיך אַנטציק,
וויל קריגן פאַרב,
און קלאַנג,
וויל דיכטונג ווערן.
אי דאָס אַלטע וואָס אַנטרינט,
אי דאָס נייע וואָס געשווינד
גייט אויף דאָ גרונטגעפעסטיקט,
פון פאָראורטיילן אַלטע ניט באַלעסטיקט...

נאָר די מלחמה-זעונגען, ווי מיר,
זיי ברעכן זיך אַרײַן דורך פענצטער, טיר
און קערן איבער מיר דאָס פאַרבן-טעפּל,
און פאַרשטעלן מיר די ווּנדער
מיט אַ גראָ-געדיכטן נעפּל...

פאַרטאָג

פאַרטאָג.
דאָס קול פון מאָסקווער ראַדיאָ־שפּרעכער
זיך צעהוידעט איבער אַלע דעכער
ווי אַ פֿײַערלעכער גלאָק.
ס׳טוט מיך פונעם בעט אַרויס אַ טראָג
פון זײַן פּישוף־קול געצויגן,
און נאָך איידער כ׳שווענק אויס מײַנע אויגן
אין דעם הימל־בלוי, ווי אין אַ קוואַל
איך טוק מיך אָפּ אין הילכער־שאַל,
אין די ראַדיאָ־וועלן,
וואָס צו אַלע דרימלענדיקע שוועלן
כוואַליען צו שוין זיגערשע באַפעלן
פון וועלכע ס׳נעמט אין די נשמות העלן,
און פון צער דאָס הײַטל
טיילט זיך אָפּ פון בליק...

דעם קאָפּ פאַרדערעט צו די הילכער־רערן
וואַרט איך מיט פאַרצאַפּלטע באַגערן:
אפשר וועלן מיר די בשׂורה הײַנט דערהערן
אַז אויסגעהויכט זײַן אָטעם ס׳האָט דער קריג.

***

אונטער דער זון אוזבעקיסטאַנער, העלער,
איז העלער, לויטערער געוואָרן מײַן געמיט;
עס זענען אויסגערונען פון מיר ווי פון אַ קעלער
די שאָטנס וואָס מיט זייער קאַלטקייט מיך געבריט;
די טרוימען און פאַרלאַנגען זיך צײַטיקן דאָ שנעלער,
און ווי אין דעם אַרבוז ווען אין זײַן סאַמע מיט
פון האַרץ דאָס מעסער טוט אַ שניט
און באַפאַרבט ווערט מיט זײַן בלוט דער טעלער,
אַזוי מיט זאַפטן אָנגעגאָסן ווערט מײַן ליד
אונטער דער זון אוזבעקיסטאַנער העלער
ווי העלער, לויטערער ז׳געוואָרן מײַן געמיט...

אויף אייזל מאָגערן

אויף אייזל מאַגערן וואָס מיט טריטל־טראָטל
ווי מיט שטעך דעם וועגראַנד
זוימט אַרום געדיכט,
וויגט זיך אַן אוזבעטשקעלע חנוודיק אין זאָטל,
באַהאַלטנדיק אין שוואַרצן שלייער איר געזיכט...

דאָס אייזל שפּאַנט ווי שלעפּעריק, פּאַמעלעך,
און אויף אים דאָס סודותפול־פאַרהוילענע געשטאַלט
איז אומגעדולדיק, גלײַך מיט אַ בן מלך
ערגעץ דאָ אין טאָל דאַרף זי זיך טרעפן באַלד...

נאָר אַקעגן איר קום איך — אַ מידער גייער,
פון מלחמה־ווינט געבראַכט אויף אָט דער ערד;
זי רײַט פאַרביי און בייגט ניט אויף דעם שלייער,
און איך בלײַב שטיין פאַרוווּנדערט
און פאַרקלערט:

אַ פרוי־געשטאַלט איז דאָרט פאַרשווונדן
אין די גראָזן
צי איך האָב אָקאָרשט דאָ אין פעלד,
מײַן גורל דורכגעלאָזן
און אים ניט אָפּגעשטעלט...

גע׳זעגנט שוין...

גע׳זעגנט שוין, דערפאַרענער, פּיל רײַפער
צו דיר מײַן היים פאַרשאָטענע, וועל פאָרט
זיך אומקערן אין גיכן איך, דײַן שטילער שלײַפער
פון געאַרבטן, דימענטיקן וואָרט...
און אונטער דײַן נידעריקער סטריכע
איבערוועגן
וועל איך דאָס וואָס אויף די וואָגלוועגן
כ׳האָב דערפאַרן זינט פאַרלאָזט דאָס אָרט,
דאָס וואָס אין די טראַכטונגען, געפילן,
האָט זיך פאַר דער צייט מיר אויסגעקלאָרט,
וואָס געקרן כ׳האָב געטאָן,
וואָס קענגן ווילן,
ווען אַנדערש האָט מען ניט געטאָרט...
דאָס וואָס כ׳האָב פאַרשפּילט,
וואָס אָפּגעשפּאָרט
און באַלאָדן די נשמה איז מיט דעם געוואָרן...
און אָנטרינקען אין דײַנע לויטערע קאַיאָרן
איך וועל מיך מיט דעם שלווה-מעד דעם קלאָרן,
פון דײַן פּולער,
ליימיק-פּראָסטער קוואָרט...

***

ווי די לויטערע שטראָמען וואָס רינען
פון די שנייבערג אַראָפּ
אַזוי ריין
איז דער בליק פון די לײַט, אַז געפינען
איך קען דעם פאַרבאָרגנסטן מיין
אין זייער בליק און אין זינען.
זיי האָבן זיך פול מיט פאַרשטיין
אין פרײַנדשאַפט צו מיר צוגעשפינען,
מיט פרײַנדשאַפט וואָס איז אַזוי ריין
ווי די לויטערע שטראָמען באַגינען
וואָס איבערן פעלדזיקן שטיין
זיי פאַלן אַראָפּ און פאַרכלינען
דעם דאָרשטיק-פאַרחלשטן פליין,

זייער צוטרוי באַמיט זיך געווינען
איך האָב, זינט געקומען צו גיין
צו זיי מיט מײַן ווײ און געוויין...
וועט אפשר דאָס ליד וואָס דערינען
מײַן האַרץ גיסט אַריבער זיך,
ריין
ווי די לויטערע שטראָמען באַגינען,
די קאַלטע, אַז עס שניידט אין די ציין,
פאַר זיי וואָס גוטס מיר פאַרגינען,
ווי אַ צייכן פון דאַנקבאַרקייט דינען
אַ צייכן וואָס לאַנג וועט באַשטיין...

***

פיר זומערם בין איך דאָ אַ תושב,
שוין ווינטערם פיר.

זאָל מײַן ליד דאָס פֿאָלק כאָטש ניט אַנטוישן
וואָס האָט מיר אויפגעמאַכט די טיר
ווען די שרעק האָט מיך געבראַכט
אַהער צו טראָגן,
און איך האָב אַ רו־פּלאַץ דאָ געקראָגן,
און שפּײַז פון זײַן פאַרהאָרעוועט־מילדער האַנט,
און אַ זאַלב אַ ווייכע צו די ווונדן,
און מיטגעפיל, פאַרשטאַנד...

און מיר ליב געוואָרן ס׳איז דאָס לאַנד,
און איך האָב צו אים מיך צוגעבונדן,
און מיך מיט די פאַרבן אָנגעצונדן
פון זײַן לאַנדשאַפט,
פון זײַן שטייגער,
פון זײַן ליד
און פון זײַנע מעשׂיות,
איך — דער ייִד,
וואָס פון מערבֿס נאָפּל מיט די נעגל
און מיט די ציין
כ׳האָב אָפּגעריסן זיך אַליין,
און אַ בענקשאַפט ציט צוריק מיך,
ווי די פייגל
צו דער אַזערע, צו דעם געבאָרן־פּליין,
איבער וועלכן זיי פלעגן אַרומשוועבן...

אָ, איך גלייב, ער וועט פֿאַרשטיין
די בענקשאַפֿט מײַנע
און זי מיר פֿאַרגעבן...

געבליבן איז זי איין אַליין

װען באַװאָפֿנט ביז די צײן
געקומען זענען פֿײַנט צו גײן,
פּאַרטיליקער ניט דאַיִקע,
געבליבן איז זי איין אַליין
די היים, די ניט הכנעהיקע...

די זין אירע, דער אָדלער־שטאַם,
אין בלוטן מיט נקמה־סם
און שׂינאה פּעכיק־ברעניקער,
זײ זאָלן זײַן די טאַטעס װערט,
אַװעק זיך שלאָגן פֿאַר דער ערד
װאָס איז צעממיתט און צעשטערט
פֿון װיסטע אונטערטעניקער...

פֿרעגט אױף זײ זי בײַ דעם װינט
װאָס װי אַ פֿאַרשװוערער לינד
גײט דורך איר טויטער דאָלענע,
פֿרעגט אויך בײַ די פֿייגל זי
װען שװעבן אָן אין הויכן פֿלי
איבער בערג געמאָלענע
מיט אַ ליאַרעמדיק געשרײ...

קײנער ניט געזען האָט זײ
צוריק שוין שפּרײַזן אײַליקע
מיט ריזן־שפּאַן פּיל־מײַליקע?
ניט געהערט מען האָט זײ גײן
די זין אירע געראָטענע?

געבליבן איז זי איין אַליין
און קײנער װאַשט פֿון איר געביין
דאָס בלוט ניט אָפּ, פֿאַרזאָטענע...

***

היים מיינע, ווער קוויקט זיך היי־יאָר
מיט דיין ברויט, דיין פּרוכט?
דער וואָס צו דיין שוועל און שייער
האָט געבראַכט דיר טויט און פייער —
זיין זאָל ער פאַרפלוכט!

ווער אין ליין דיינעם וואָס פּעכלט
קליידט זיך דאָרט אַצינד,
וואָס ס'האָבן אונטער אַלקער־דעכל
צו דעם נדן צוגערעכנט
מיידלעך אויסגעשפּינט?...

ווער דיין טרויבן־זאַפט דעם פעטן
וואָס מאַכט היים דאָס בלוט
און דו האָסט אין האַרבסט דעם שפּעטן
אים פאַר זיך אַליין געקנעטן —
ווער אים טרינקען טוט?

ווער דיין האָניק דעם מאַיאָווע
רייסט אָפּ פון דיין מויל,
זויפט און פרעסט, לעבט בהרחבה,
און רציחהש דראָט, מאָלדאָווע
דיך מיט דעם פּיסטויל?

דיך אין קויט ס'האָט איינגעריכט ער
און פאַרדאַרבט דיין חן...
ווען וועסטו פון שטרענגן ריכטער
טאָן אַ וואָרף די שווערגעוויכטער
ס'זאָל אים אַלץ פאַרגיין!..

גרוישט אַ שטעטל האָט ביַים פּרוט

כ׳האָב אין מיַין שטעטל יעדער ליק געקענט,
אין די הינטערגעסלעך — יעדע היַיזקע,
מיט דעכלעך — סכך, מיט קרומע ווענט
נאָר פּעכלענדיק פון וויַיסקייט.

געקענט די שפּיצן כ׳האָב פון יעדן פּלויט.
פאַרלאָקט פון עפּל־ווונק צווישן די בלעטער
צעדראַפּעט כ׳האָב ניט איין מאָל זיך די הויט
ווען איבער זיי געקלעטערט...

פון וואָס דאָרט לעבן יידן כ׳האָב געוווּסט,
זייערע קלערענישן, האָפענונגען, טרוימען,
ביַי וועמען ס׳איז דער זאַסעק פול,
ביַי וועמען פוסט,
וויַיל אָן אַ רויך געשטאַנען ס׳איז דער קוימען...

איך דערמאָן מיט אַכפערונג און דאַנק
אויף אַלע פלאַנטערוועגן פון מיַין לעבן
די לערערס מיַינע, פאַר דעם וואָס דעם געדאַנק
און דער נשמה האָבן קינדוויַיז מיר געגעבן...

כ׳געדענק דאָס רב׳ל אויך. דאָס בערדל שוין געקירצט.
כ׳פלעג זיַינע דרשות מיט הנאָה הערן,
ער האָט מיט מימרות תּמיד זיי באַווירצט
פון פראַנסן אָדער פון וואָלטערן...

כ׳געדענק די נייטאָרנס פון שווינדזוכט בלאָס
וועמעס לידער פלעגן ברענגען מיך צו טרערן,

די הענדלערינס מיט היגער און מיט קוואַס,
די וואַסערטרעגער מיט די הויקערס. זיי געהערן
האָב געמיינט איך קינדווייז צו די לאַמעדוואָוו,
און ס׳גייט ביז היינט מיר ניט אַרויס פון זינען
דאָס מעשה׳לע, וואָס ס׳האָט מיר ביזן סוף
די באָבע מיינע, לײדער, ניט דערשפּינען...

אַרום מיט היגלען און אַליין אין טאָל,
צווישן זיי ווי אין אַ ראָם אַרײַנגעשריבן,
גערוישט אַ שטעטל האָט בײַם פּרוט אַ מאָל —
גאָט מיינער, וואָס איז פון דעם געבליבן?...

ווי דער מאַמעס פּנים

ווי דער מאַמעס פּנים, ווי איר מילדע האַנט
איז פון דער ערד מיר יעדער שטריך באַקאַנט...

די געשיכטע כ׳קען פון יעדן ראַץ און שראַם
וואָס אויף לײַב, איר אָנגעיווירענעם, מיט פּלאַם
און אויך מיט שווערד מיט שאַרפן
געלאָזט עס האָבן האָרדעס, ווי באַוווּסט,
ווען אויף איר זיי האָבן זיך געוואָרפן
מיט פּלינדער־גלוסט
און מיט פאַרצוקונגס־לוסט...

איך קען זי אין די ווײַסע ווינטער־זאַווייען
ווען זי היט די אָנהויב־געבורטן פון געפריר;
איר מוטערלעך־וואַרעמען אָטעם איך שפּיר
אויך אונטערן דעק דעם געדיכטן פון שנייען.
איך קען זי אויך ווען מיט זאַפטן דער צווײַט
ווערט אָנגעצאַפּט ווי קרישטאָלענע שאָלן,,
און אויך ווען די תּבֿואות צײַטיק צום שניט
מעליק און שאַרף־אָנגעדראָלן
כוואַליען זיך אין די טאָלן...

אויך אירע באַגינענס און שקיעות איך קען,
אין וועמעס פּאַלעטע געטונקען מײַן פּען
פון זינט אויף דער ערד די וועלט כ׳האָב דערזען
און ווי דער מאַמעס פּנים
כ׳טו מיט פאַרגאַפטקייט זי מאָלן...

ווער זענען זיי

אויף די בעסאַראַבער ווילדוואַלד־וועגן,
ווער גייט עס איצט ווי אַ געשפּענסט אַרום
און זײַן גאַנג איז צו נקמה
פול דערוועגן,
און זײַן טאַט פון ריינסטן העלדנטום?..

ווער זענען זיי די שטראָפנדיקע ריכטער
וואָס דעם קאַט זיי צאָלן פון דער פולער האַנט?
מיר דוכט: עס זענען זייערע געזיכטער
פון קינדערווייז אָן מיר היימיש, גוט באַקאַנט...

איז עס ניט מיין חבר אָט־אָ־יענער
וואָס איין רבי האָט מיט אונדז געקנעלט,
אויף איין געסל צו מעשׂים זיך געמענערט
ווען צו מעשׂים גערופן ס׳האָט די וועלט...

ס׳איז דער עילוי אפשר פון סאָרבאָנע
וואָס מיט אים געטיילט דאָס ברויט ,דאָס העמד,
די מאַנסאַרדע אויך, אין שויב מיט אַ לבנה,
און ער וואָלט צווישן גאונים היינט געשם׳ט

ווי געהאָפט אויף אים ס׳האָבן די ווײַסער —
ניט ער, ניט ער זיך שלײַכט דאָרט איצט
פון וואַלד אַרוים מיט פולווער־זאַק, בסתר,
צו יעדן שאָרך די חושים אָנגעשפּיצט,

קרבנות־גרייט, צעהעלט ווי זײַן געוויסן —
און עכאָט אָפּ אַ דונערקנאַל אין טאָל,

ווייסט דער וואַלד: דאָס האָט ער אויפגעריסן
אַ בריק אַ גרונטגעפּעסטיקטע פון שטאָל...

צי אַ וואָפן־שפּייכלער ערגעץ־וווּ שוין פּלאַקערט,
צי אין תהום אַראָפּ צו אַלדי רוחות פליט
אַ צוג אַצינד מיט בלאָנדע וועלף פּרוסאַקער —

וווּ דען זיי טראָגן איצט די טריט
די יינגלעך יידישע מיט ברוסטן דאַרע,
וועמעס מעשׂים
　　　אין ציַיט פון חלפדיקער וואָר
דערמאַנט וועלן נאָך ווערן אַמאָל ווי לעגענדאַרע
פון אַ וויַיטן און אַ שטוינענדיקן דור...

אויף די בעסאַראַבער ווילדוואַלד־וועגן,
שטאָלצע און האַרטנעקיקע, אָן שרעק,
ווער גייט דאָרט דער אומשטערבלעכקייט אַקעגן
מיט דעם נקמה־וועג?...

דער טאָג וועט קומען

דער טאָג וועט קומען. ס׳וועט דערטאָגן.
און אַ ווינט אַ קילנדיקער וועט
דיך אויפוועקן פונעם חלשות-פלעט
מיט וואָס דער קריג האָט דיך באַשלאָגן,
און וועסט דעם סקריפּ דערהערן פון אַ וואָגן
וואָס ניט געהערט דו האָסט פון לאַנג,
און פון אָקסן דעם אַפּאַטיש-שלעפעריקן גאַנג,
און פון דאָרפסלײַט דאָס געזאַנג
צום אַקער אומגעקערטע פון געיעגן...
און ס׳וועט אַ לעבלעך-ברכהדיקער רעגן
אַ ליאַפּע טאָן מיט בליץ און דונער-קנאַל,
מיט לײַטערדיקער קראַפט
ווי נײַנטער באַל, —
אַ ליכטיקע סימפאָניע מאַיעסטאָסאָ...

און דאָרט ווו גאַנצע עדה׳ס ס׳האָט די קאָסע
פאַרשניטן מיט איין ברייט-צעפּאַכטן שניט,
וועט זיך אַלץ צעבליִען ווי געבליט,
און מיט גאָלדענע קערנער אָנגעשיט,
ניט רויטע פונעם בלוט, וועלן די זאַנגען
כוואַליען זיך הויך-אויפגעגאַנגען,
גלײַך ס׳איז דאָרט גאָרניט קיין מאָל ניט געשען...

נאָר קומען וועט אַהין פון וען ביז וען
אַ ייד מיט אָבל-אויגן ווי אַ בלינדער
און קדיש זאָגן מיט אַ יאָמער-קול,
און די זאַנגען גלעטן אין דײַן יאָמער-טאָל
ווי די גופימלעך פון זײַנע אומגעבראַכטע קינדער...

**
*

אין בלאָער שעה איז דאָס געווען, באַגינען,
ווען ס'האָט זיך נאָך דער חלום ניט דערשפּינען
ביז זײַן סוף. איך האָב מיך אויפגעכאַפּט
פון אַ טומל בײַ מײַן טיר.
עמעץ האָט געקלאַפּט
מיט אַ האַסטיק־אויפגערעגטן קלאַפּ אַזאַ מין,
גלײַך מײַן שטוב וואָלט זײַן פאַרצוקט פון פלאַמען,
צי אַ פרוי בשכנות וואָלט גאָר גיין צו קינד
און אונדזער הילף מע וואָלט באַדאַרפן...

אַרויס אין דרויסן זענען מיר געשווינד.
אַ מענטש מיט פּנים ווי באַשפּריצט מיט טינט
און מיט אַ שראַם אַ שאַרפן,
האָט זיך אויף די העלדזער אונדז געוואָרפן
שלוכצנדיק פון גליק:

קינדער מײַנע, ס'האָט פאַרענדיקט זיך דער קריג, —
האָט ער באַגאָסן זיך מיט טרערן —
אַ סוף צום עלנט און צום פּײַן,
און כ'האָב אײַך אויפגעוועקט
כּדי דער ערשטער זײַן
פון וועמען איר די בשׂורה זאָלט דערהערן...

נעכטן האָט פֿאַרענדיקט זיך דער קריג

נעכטן האָט פֿאַרענדיקט זיך דער קריג.
אוי, ווי כ'האָב געוואָלט דעם טאָג דערלעבן.
נעכטן מ'האָט די לעצטע שלאַכט געגעבן,
און ס'האָבן אָפּגעאָטעמט מענטש און בוים
און פֿויגל אויך וואָס איז צו זיך געקומען קוים
און אַ שמייַס געטאָן אַרויף אין טיפֿן רוים
אַזוי, צוליב דעם תּענוג נאָר צו שוועבן...

און איך אַוועקגעפֿאַלן בין איצט מאַט
און אויסגעשעפּט ווי אַ סאָלדאַט,
גלייַך דעם לאַנגן וועג כ'בין דורכגעגאַנגען
מיט די קריגסלייַט ביז אַהין,
ביז אָט יענעם טויער, צו דעם מערדער־מין
און געהאָלפֿן אויסלייזן די וועלט פֿון זייַנע צוואַנגען,
און די ליבע
און די לידער אירע
און דאָס ליכט,
און כ'קאָן אַרומוואַשן פֿון שטויבן מייַן געזיכט,
און אויסטאָן פֿון די פֿיס די שווערע שטיוול,
און אין שאָטן פֿון אַ בוים אין מייַנקן צעבלי
זיך אַוועקזעצן שרייַבן אויף די קני
צו אייניקלעך נאָך ניט געבוירענע, אַ בריוול...

ווי לאַנג האָט זיך די נאַכט געצויגן

אין רישעות־טורעם שטומען שוין די גלעקער,
די געוויגטע פון עקלהאפטן שקר.

דער טעמפּל קראַכט ,און אונטער אים — פאַרשאָטן,
די געצנדינער פון מטורפע געבאָטן.

די נאַכט רינט אוים פון אַלע גראָטן,
זי דעמפּט זיך אוים פון אַלע ריוון, גריבער,
און ס'קומט צו זיך פון דעם קאָשמאַרן־פיבער
די קראַנקע וועלט,
זי מאַכט קוים־קוים
די אויגן אויף, דעם קאָפּ צום רוים
פאַרדערעט זי, צום אויסגעלײַטערט־הויכן,
צו זען אַז אויף דער וואָר און ניט אין טרוים
צערונען זענען זיך די שׂריפה־רויכן...

אָ, ווי לאַנג האָט זיך די נאַכט געצויגן,
טוען פון באַגינען־שײַן איר ווײ
די אויגן...

פֿון מלכות פֿון טויט

פֿון מלכות פֿון טויט ווי איר לאַנג האָט געשמאַכט
לעבעדיק קוים זענט אַרויס איר געקראָכן,
פּאַנאָפּטיק־געשפּענסטער אין טויטלאַגער־טראַכט,
מטראַשידלע־סקעלעטן מיט סקריפּיקע קנאָכן
וואָס כּוח אַפֿילו איר האָט ניט, מיר דאַכט,
צו דאַנקען אָ־די וואָס נאָך בלוטיקער שלאַכט
זיי האָבן אײַך הײַנט די רעטונג געבראַכט
און פֿרייען זיך מיטן ניצחון...

אײַך קוקן אין פּנים אַרײַן איך מיך שעם
פֿאַר אַלץ וואָס איר האָט דאָרט אויסגעליטן,
גלײַך שולדיק אויך איך וואָלט געווען אין דעם,
שולדיק, ווײַל ניט געקאָנט אײַך פֿאַרהיטן
פֿון דעם מעסער וואָס האָט אײַך געשניטן...
כאָטש כ׳האָב געוואָרנט, כאָטש כ׳האָב געוועקט,
איידער די לופֿט מיט גאַז האָט פֿאַרשמעקט,
איידער פֿון אויוונס ווי איר האָט זיך געעקט
גענומען דער רויך האָט אַ קלעפּיקער שטײַגן,
נאָר ווײַזט אויס מײַן לשון האָט פֿאַרב ניט געקלעקט
און כּוח אַז קענען כ׳זאָל אײַך איבערצײַגן...

אָ, וויפֿל קרײַזן פֿון פּײַן איז באַשערט
געווען אײַך אַדורכצוגיין אויף אָט דער ערד,
וויפֿל איז שיינקייט געוואָרן צעשטערט,
לעבנס אומשולדיקע וויפֿל געגאַנגען לאיבוד,
און וואָלט איך געקענט, אָ ניין, ניט קיין ליד
נאָר אײַך אַ דענקמאָל פֿון האַרטסטן גראַניט
ווי אַ שטיינהאַקער כ׳וואָלט אויסגעדליבעט,
אַ דענקמאָל וואָס זאָל

פון ליידן און מוטיקייט
ווײ און פון צאָרן
זײַן אַ דערמאָנונג, זײַן אַ סימבאָל
וואָס לויכטן מײַן פאָלק זאָל איבער די יאָרן...

טײַערע מײַנע איר לעבט?

טײַערע מײַנע, ס׳איז אמת, איר לעבט?
די בשורה וואָס ס׳האָט מײַן אַנטענע פאַרשעפּט
אין נאַכטיקן אַל — זי איז טאַקע וואָר,
צי פון געהער אַ פאַרבלענדעניש נאָר?
דער גרויזאַמער מולך האָט אײַך ניט פאַרדייט
ווי יונה׳ן דער וואַלפיש אין זיין אינגעווייד
און ס׳האָט אײַך פון זײַן ניט געזעטיקטער קעל
אַרויסגעריסן אַ ליכטיקע וועל?

פון אוישוויץ, טרעבלינקע ווּ מ׳האָט אײַך פאַרשלעפּט,
פון די גיהנום-גריבער אָט יענע,
ווּ איר האָט אַזעלכעס דורכגעלעבט,
וואָס ס׳איז ניט מסוגל צו מאָלן מײַן פענע —
איר האָט דורכגעריסן זיך — הויט נאָר און ביין,
און אין דעם ווּנדער איר גלויבט ניט אַליין
וואָס האָט זיך אין לעצטער רגע געטראָפן
ווען ס׳איז אײַך צום גרוב שוין געבליבן איין טראָט,
ווען אויף אַ נס, אויף אַ מופת איר האָט
שוין ניט געהאַט וואָס צו האָפן...

ס׳איז אמת? ס׳איז אמת? הייסט עס, פאַראַן
עס זענען אין מענטשן פאַרהיטונגס-ווענטילן
וואָס העלפן דעם יִיאוש אַריבער אים שפּילן,
הייסט עס, באַהאַלטן אין אים ווי אוראַן
אין טיף פון דער ערד ס׳איז אַן עודף פון ווילן
פון גלויבן און מוט וואָס האַרטנעקיק אים מאַכט
און זײַנע כּוחות פאַרמערן...

טײַערע מײַנע, ביים ברעג פון דער נאַכט
וואַך איך,
די בשורה כ׳זאָל ווידער דערהערן...

***

צו אײַך, אָ, ליבע קינדהײַט-ערטער,
ווו פּאַר אַלע טרוימען, רעטענישן,
גראָזן פלײַנען מיט באַשייד,
ווו פון אויפריכטונג באַשטראַלטע
וועלן ווערן פולער מײַנע רייד,
וועלן ווערן וואָגיקער, באַשווערטער,
אָנגעגאָסענע מיט זאַפטן, אָנגעיערטער,
ווי עס ווערט אַ פרילינג-בייט...

צו אײַך וואָס זענט פאַרבלאָזן און פאַרוויסט
מיט מלחמה-אַש, כ'בין אָפּצופליִען גרייט
ווי אַ פויגל וואָס פון וואָגלפרעמד זיך קערט ער
צו זײַן אַלטער נעסט צו זײַן צעשטערטער —

אָ, ווינטן גוטע מיך צוריק באַגלייט!...

נאָך לאַנגן נע ונד

1945-1948

פאַר וואָס זיך וויגסטו וועלדל

פאַר וואָס זיך וויגסטו וועלדל ?

מ. עמינעסקו

פאַר וואָס זיך וויגסטו וועלדל אָן אַ ווינט,
אָן אַ רעגן וואָס הוידעסטו די צווײַגן ?
סאַראַ ווייטיק שרײַט אַרויס פון דיר אַצינד,
פונעם וואָרצל ביזן קרוינעך-בינט
טוט אַרויף ער מיט אַ יאָמער שטײַגן ?...

וואָס ציטערן און מורמלען דײַנע ביימער מאַט
ווי אין טיפן צער געטראָפענע אַבלים ? —
זיך אומגעקערט צו דיר פון לאַנגן נע ונד
דײַן שטילער דיכטער האָט פון גלות איבערזאַט,
וואָס איז געשען מיט דיר, דערצייל אים...

וואָס איז געוועגן דיר דורכלעבן באַשערט,
דערקענט האָסטו וואָס פאַרא גרויל-דערפאַרונג ?
דײַן שיינקייט האָט דער קריג מיט פלאַם פאַרצערט...
אַנטרונען ס'איז דער זאַפט וואָס דיך גענערט
און דיך געבראַכט צו וועלקונג און צו דאַרונג ?

צי מײַן פאָלק געזען האָסט אין זײַן גרעסטער פלאָג,
אַ געשאָכטנס, אַ צעשאָסנס, אַ געוואָרגנס,
אַ לעבעדיק באַגראָבנס — וואָס-זשע דען, מיר זאָג,
גייט פון יעדן בוים אַזאַ יללה-קלאָג
אין דער ווייכער שטילקייט פון פרימאָרגנס...

מיט שלווה־חלום אין בלאָנדזשנדיקן בליק,
פון גלות־פרעמד, פון לאַנגע אָפּקום־וועגן
שווין קערן זיך די לעבעדיקע אום צוריק —
טאָ גיב אַ רויש מיט פריידיקן צעוויג
און מיט אַ ברכה, וועלדל, זיי באַגעגן...

נאָר דו האָסט געלעבט

אַ, ווי שרעקלעך דו האָסט אויסגעזען
נאָך אַלץ וואָס איז מיט דיר דעמאָלט געשען,
ס'האָט קוים די נשמה אין דיר זיך געהאַלטן
ווען מ'האָט פון די עיפּוש-גריבער, די שפּאַלטן,
אין אַנמאַכט,
פאַרחלשט,
אַרויס דיך געשלעפּט.
נאָר דו האָסט געלעבט, געלעבט, געלעבט,
כאָטש טויזנטער מאָל מ'האָט דיך געקעפּט,
מיט גאַז דיך געשטיקט,
דיך צעשאָסן בײַם גראָבן,
צי אַלערליי מיתה משונה-מיקראָבן
אכזריש זיי האָבן
אויף דײַן געביין אויסגעפּרוּווט...
און דו, ווי די לונג אָנגעשעפּט נאָר מיט לופט,
און זיך אומגעקערט דיר ס'האָט פּאַמעלעך
דאָס חיות,
קוים אָפּגעשאַרט האָסטו די ערד פון די וויִעס,
און רירן די טרוקענע ביינער געקענט,
אין אַש זיך אַראָפּגעלאָזט האָסט אויף די קניִעס,
עס צעשטאַרט אין געוויֵיל מיט ציטריקע הענט,
אָפּגעזוכט דײַנע כּלים האָסטו
און צוריק
די צעבראָכענע טיילן אַ שטיק נאָך אַ שטיק
צענויפגעקלעפּט גיך מיט די קנאָכיקע פינגער...

אַז אויפשפּילן זאָלן אויף זיי דײַנע זינגער
ניט נאָר דאָס גרויליקע איכה-געקלאָג,
נאָר אויך דעם גלויבן אין קינפטיקן טאָג

וואָס האָט צו דיר זיך מיט מילדקייט געבויגן,
אויפשפּילן די ליבשאַפט,
די גוטסקייט,
דעם גנאָד, —

כאָטש פון דײַנע פאַרברענטע זיי האָט
דאָס וואַרעמע אַש
נאָך געברענט אין די אויגן...

כ'האָב גאָרניט געוווּסט

כ'האָב גאָרניט געוווּסט אַז דעמאָלט ווען ס'וועט
אויפגעצוימטער שיגעון צו בלוטיקער סעודה
אַ קריך טאָן אויף אונדזערע פרידלעכע שטעט
ווי אַ לאַווינע, מיט קראַך און געהודע,
און וועט פאַרוואַנדלען אין בראָכשטיקער־הרודע
די שיינקייט וואָס מיר זי פאַרהאָרוועט אַליין,
צעמאָלן אַלצדינג וואָס געפּישופּט מיט חן,
צעדרעשען, צערײַבן אויך אונדזער געביין
און וועט אין די אָפּגרונטן טיפע אונדז וואַרפן, —
אַז מערער ווי תּמיד מײַן דודע באַדאַרפן
וועל איך גראָד דעמאָלט,
כ'האָב גאָרניט געוווּסט...
כ'האָב זי געטראָגן צאַרט בײַ מײַן ברוסט
ווי אַ מאַמע איר קינד אין פרעסט
און אין רעגנס,
אַז קענען אין אומגליק, אויך אונטערוועגנס,
ווען פון די אויפרײַסן איבערגעקערט
ס'האָט זיך דער הימל, געוויגט זיך די ערד
און געשפּענסטיק דער טויט
האָט געטאָן נאָך אונדז היפּן —
מײַן דודעלע נעמען זאָל איך צו די ליפּן,
מיט די שפּיץ פינגער עס טאָן אַ באַריר,
מײַן אָטעם אַרײַנהויכן זאָל איך אין איר
און ביי די הערצער מײַן ליד זאָל אַ נעם טאָן,
און אין געמיט פון מײַנם גלײַכן,
צעקלעמטן
פון יִיאוש, געראָטן זאָל מיר
דעם גלויבן אין גוטסקייט, אין גנאָד צו דערוועקן,
אין ליבשאַפט וואָס גובר די שינאה וועט זײַן,

און שפּילן, און שפּילן,
צו להכעיס דעם פּײַן,
ביז עס װעט זיך די האָפענונג־שײַן
אין זײערע פינצטערע בליקן אַנטפּלעקן...

די באָבע

אין יענעם טאָג (דעם טאָג מיסתּם
האָט עמעץ מיטן נאָגל אויף אַ בוים פאַרשריבן)
ווען די היים פאַרלאָזן ס'האָט מײַן גאַנצער שטאַם,
קוים לעבעדיק פון קנאַקנדיקן פלאַם
מיט דער נשמה זיך אַרויסגעקליבן...

און פון הויכן באַרג צום לעצטן מאָל
זיך אומגעקוקט אין טויט־אַנגסטן, פאַרחלשט,
צום שטעטל אײַנגעניורעטן אין טאָל,
ווו ס'איז אַרײַן דער קריג
מיט טראַסק פון שטאָל,
און הונגעריק געביל — שאַקאַליש...

אין יענעם טאָג האָט זי, וואָס אָפּגעשפּאָרט
האָט שוין געהאַט אַ שטיין אַ פּראָסטן
אויפן בית עולם
און צווישן אייגענע אַן אָרט,
איז בלויז זי, בלויז זי פאַרבליבן דאָרט
אין שטעטל דעם פאַרלאָזטן...

קאָן זײַן אַז זיך צענויפגערעדט זי האָט
מיט די צאַמען פריַער, די פאַרגליווערט־שטומע,
מיט די טויטע אירע
זיי זאָלן מיַען זיך פאַר גאָט —
זי איז געווען אַ גאָטספאַרכטיקע, פרומע...

קאָן זײַן אַז דורך דער נידעריקער טיר
צו דער טרעפּערקע בסוד אַרײַנגעלאָפן,

אַז יענע טרעפן לויט די קאָרטן איר
דעם גורל זאָל,
ווי איר פיל מאָל געטראָפן...

און וואָראָזשעט יענע האָט איבער דער קאָרט,
געטאַשט דאָס ברודנע פעשטל אַ מאָל זיבן
און ס׳איז געפאַלן אַז פאַרבלײַבן דאָרט
אין שטעטעלע זי דאַרף —
איז זי פאַרבליבן...

בײַ אַכציק יאָר וועט ווײַט זי ניט פאַרגיין.
בײַ אַכציק יאָר — טויט ניכטער זי באַשטימען —
וועט שטערן זי די זין
ווי אויפן האַלדז אַ שטיין
דעם טויט, דעם טויט אַריבערשווימען...

אַן איבעריקער קלומיק וועט זי זײַן,
און דאָרט,
אויף שטעטלשן בית עולם, אויסגעמאָסטן,
אַ פלאַץ אַן אייגנס האָט זי אָפגעשפּאָרט,
און אַ מצבה־שטיין אַ פּראָסטן...

די גאַנצע נאַכט צעניופגעדרייט אַ קנויל,
האָט אַ תפילה זי געמעמלט ווי פון זינען...
געשאַמקעט זי מיט ציינלאָז־אויסגעוויקטן מויל,
און ווען שאַריען ס׳האָט גענומען
אויף באַגינען,

די טרויעריקע עדה אַרויסבאַגלייט צום שליאַך,
דער שליאַך ווי פריסיק האָט געברענט די זוילן
און אַליין זיך אומגעקערט אונטערן דאַך,
דעם שינדל־דאַך, דעם פוילן...

בײַ דער טיר געזעצט זיך פון געצעלט,
דעם ירושה־שטיבל דעם האָרבאַטן,
וואָס ס׳האָט אַן עלטערזיידע נאָך געשטעלט,
ווו געקומען זי איז אויף דער וועלט,
ווו געשטאַנען אויך די וויג איז
פון מײַן טאַטן...

און שוין...
וואָס ווײַטער איז געשען?
מען זאָגט: אין אַלטן שאַל אין אירן,
דורך דער טויטער גאַס מ׳האָט זי געזען
מיט אַ מנין יידן ערגעץ פירן...

מע מיינט: קוים שלעפנדיק די פיס,
ווי אַן אויסגעמאַטערט פערד
נאָר הויט און ביינער,
אין אָסיען־בלאָטע קלעפיקער זי איז
אַוועקגעפאַלן אין מיטן וועג געווים,
נאָר ווו? דאָס ווייסט ניט קיינער...

ס׳ווייסט קיינער ניט ווו צו איר אַלטן גאָט
ס׳האָט די זקנה די נשמה אָפּגעגעבן,
זי, וואָס לעבן אירע אייגענע זי האָט
אַ פּלאַץ אויפן בית עולם אין איר שטעטל־שטאָט
און אַ פּראָסטן שטיין
באַזאָרגט זיך נאָך בײַם לעבן...

**
*

די שטאָט הייבט אויף זיך פונעם שטיין,
פון די הויפנס אַש און שפּענער.
ניט ענלעך שוין צו זיך אַליין
ווערט אין געשטאַלט זי, אין איר חן,
פון דער געוועזענער פיל שענער...
זי גלײַכט זיך אויס, אַרויף זיך ציט
פון שטאָל, בעטאָן געשמאָלצן,
זי וואַרפט אָפּ ווי אַן אינוואַליד
די רושטאָוואַניע־שטאָלצן.
און נאָכגיביק איז זי, איר זעט?
דעם ברען, דעם אייפער־שטורעם
פון דעם וואָס שמידט זי און זי קנעט,
טרוימט אויס איר נײַעם פורעם.

***

גיי איך פאַרביי די וויסטע פּלעצער
ווו מיט אָפּשײַן פון די שײַטער־קלעצער
עס איז נאָך אַלץ אַרומגעהילט,
ווו מיט טשאַד און פוילונג זיך נאָך פילט,
אָט דאָ ווו אויסגעטיליקט ווילד
אויף טויט, ווו מ׳האָט געדראָשן
מײַן יידן־שטאַם,
און ווי רויך צעוויט
עס ווערט מײַן אומקער־פרייד,
פאַרטונקלט, אויסגעלאָשן...
און שמערצלעך טוט אין האַרץ אַ קלעם —
געפון מײַן טרייסט איך דאָ אין דעם
וואָס פון טוואונג,
פליכטן
און פון גליק,
יאָ, אויך פון גליק,
מיט יעדער געסל פון מײַן שטאָט,
מיט יעדער ליק
כ׳רעד ווידער מיך צענויף
אויף מאַמע לשון...

היימישע וועגן

ווידער האָבן מיך פאַרלאָקט די וועגן.
ס׳האָט דער אומרו פלאַטערדיק געטאָן אין בלוט אַ פּאָך.
מיטן שטייגער שטוביקן אויף גיך איך זיך געזעגן,
מיט געוווינהייטן מיט וועלכע וואָך נאָך וואָך
באַוואַקסן ווערט מען מיט אַ מאָך
ווי אַ שטיין ביַים ברונעם מיט לישיַיעם גריַינע,
און כ׳לויף אַרויס. וווהין? קיין נפקא מינה.
איך לויף אַנטקעגן דעם מרחקים־רוף.
זאָלן איַינדרוקן און שיינקייט טאָן מיך אַ פאַרכלינע
מיט וואַרעמקייט צו מיר און מיַין באַרוף...

די גומי־רעדער פון אויטאָבוס שליַיפן
דעם שאָסיי־אַספאַלט ביז גלאַנץ. עס דרייט
דאָס פעלד זיך אַרום מיר מיט ווייץ מיט ריַיפן,
מיט ברויטיקער זיך כוואַליענדיקער פרייד.
און גרינג איז מיר, וואָלט נאָר מיַין נונדע שכן
וואָס קען מיך, זאָגט ער, נאָך פון יינגלווייַז,
מיט קלאָץ־קשיות דאָס האַרץ מיר ניט געשטאָכן:
פאַר וואָס ס׳איז מיַין טשופּרינגע פרי געוואָרן וויַיס,
פאַר וואָס זע אויס איך עפּעס ווי פאַרעגנט
זיַין זיידנס וויַינגאָרטן, חשוונדיק און נאָס,
און פאַר וואָס האָט מען פון לאַנג מיך ניט באַגעגנט
היפּן מיטן יונגן קנאַנק אויף מיַין פּעגאַז...

איך וויים ניט פריִער ווו דעם בליק צו קערן.
אַ קלינגענדיקע כוואַליע אין געמיט זיך וויגט.
צו לאַנג כ׳בין שטום געווען
און כ׳וויל מיַין קול דערהערן

לויטער ווי אַ מאָל, אַצינד, ווען מה'אָט דעם שווערן
שטיין וואָס האָט מיך שיעור דערשטיקט
אַראָפּגעקייקלט פון מײַן האַלדז און אָטעמען עס איז מיר
געוואָרן ווידער גרינג, און שיינס איך גלוסט,
און ליבעפרייד, און פרײַנדשאַפט און אַ מיזמור
קוואַליק בלעזלט אין צעדריקטער ברוסט.

זאָל לויפן דער אויטאָבוס. ס'איז קיין חילוק
מיר וווּהין עס שנײַדט זיך דער מאַרשרוט.
דעם אומרו מײַנעם כ'האָב זיך אָפּגעגעבן ווילִיק
וואָס אַ פּאָך געטאָן צעפּלאַטערט אין מײַן בלוט.

2

דער וועג באַקאַנט איז מיר ביז ווײַטסטע זוימען.
געפונען פון מײַן יוגנט כ'קאָן דאָ ניט איין שפּור;
קיין קעשענעוו מיט מײַנע יונגע טרוימען
האָט מיך געפירט אַ מאָל אַ בעל עגלה-פור.

אַ מאָל, מיט אָט דעם וועג עס זענען יידן
פאַרהאָרוועטע און טומלענדיק פאַרשמײַט,
מיט וואָגנס פול געלאָדענע געפאָרן אויף יאַרידן
וואָס שטעלן זיך אין געגנט פלעגן אָסיען-צײַט...

מיט אָט דעם וועג וואָס צו דעם וואַלד זיך טוליעט,
מיט וואָגנס, בוידן, גלעקלעך-טאַראַראַם,
אויף חתונות אַ מאָל געפאָרן ס'איז צעהוליעט
דער פּראָסטער בעסאַראַבער חי וקיים-שטאַם...

מיט אָט דעם וועג אין טעג פון וועלטן-דעמער,
אין בלאָטע-קלייסטער קוים שלעפּנדיק די פיס

אַריבער, צו דעם בוג, ווי סטאַדעס לעמער
פון גאָט פאַרגעסענע מ׳האָט זיי געיאָגט געוויס...

און דאָ קאָן זיין, אַז דאָס געביין מײַן באָבעס
בײַװעגנס ערגעץ ליגט, ווו איך פאַרביי איצט פאָר; —
ווי אַ קליאַטשע אויסגעמאַטערט אין אויטאָבוס
פרײַכן באַרג אַרויף נעמט דער מאָטאָר...

די זון נעמט זעצן זיך. דאָס טאָגליכט צערן.
אַ חלל־שיף גייט אויף בײַם האָריזאָנט?
צי דער אָוונט שפּיליעט אָן דעם וואלד אַ שטערן?
אַ קרעטשמעלע מוז זײַן דאָ ערגעץ נאָנט...

3

דאָס קרעטשמעלע בײַ דעם באַלעבטן וועג
ווו דער קאַראַוואַן פון בעל עגלה־בוידן פלעג
פאַרהאַלטן זיך אַ מאָל — איך קאָן עס ניט געפונען.
פון דער היגער לאַנדשאַפט ס׳איז אַנטרונען.
איך זע עס ניט ווי לאַנג דער וועג זיך ציט.

אַ מאָל געטונקלט ס׳האָט ווי אַ פאַרגעסן רעקוויזיט
פון אַ פאָלקס־באַלאַדע, אַ לעגענדע,
ערגעץ דאָ אין סטעפּ, און געצויגן ווי מאַגניט
די גייער ס׳האָט. אַ שווייגנדיקער ייד
האָט דאָס קרעטשמעלע געהאַלטן אין אַרענדע,
אַ ייד מיט אַ פּנים אַ צעאַקערטן פון פּיין
אויף וועלכן כ׳האָב געטראַכט אַז ער מוז זײַן
אַ בעל שם, אַ נביא אַ פאַרשטעלטער...

זײַן טעכטערל פלעג דעם פלאַי פלאַים־ווײַן

וואָס איז פון איר געווען מיסתּמא טאָפּלט עלטער
אין קריגלעך ליימענע אַרויפבּרענגען פון קעלטער,
און אויסגעשטראַלט אַ הייליק־פרומע שײַן
עס האָט איר בּליק ווען אונדז צום טיש געלאַדן...
און ניט געוווּסט כ׳האָב דאַן צי פון די גראַדן
וואָס דאָס געטראַנק אין כּלי האָט פאַרמאָגט,
צי פון דער שיינקייט אירער מיך די היץ באַשלאָגט
און בּגילופין פלעג איך ווערן...

אָ, פון יענעם ווײַן אַ קריגל, פון איר האַנט
אויך איצט כ׳וואָלט אויסגעטרונקען גערן,
נאָר דאָס קרעטשמעלע — פאַרשווּונדן ס׳איז אין בראַנד
פון קריג? צי גאָר אין פײַערפערד געשפּאַנט
ווי די קאַטש פון נביא האָט עס
זיך אַוועקגעטראָגן צו די שטערן?

און איינס איך ווּנטש

צווישן שמעקנדיקע לינדנביימער
פון מײַן גרינער שטאָט
פאַרטראַכט איך גיי מיר,
ווּ מיר ליכטיקן די הײַזער
דורך די ווײַסע קלעצעלעך פון ציגל,
ווי מעוועס מיט צעגויפגעלייגטע פליגל
צעגויפגעטוליעט אויף אַ פעלדז
בײַם ברעג פון ים
אָפּגעטוקט אין שקיעה־פלאַם...

איך גיי און קלער:
אַזוי־אַ שטענדיק
זאָל דער הימל זויבער זײַן
און בלענדיק...
און איינס איך רעד צו זיך אַליין,
נאָר איינס איך טו פאַרלאַנגען:
אויפן קוואַל פון מײַנע לויטערע געזאַנגען
זאָל מען ניט אַרויפקייקלען קײַן שטיין,
זיי זאָלן קענען פריש,
באַלעבנדיק, פון טיפקייט שלאָגן,
און די לויטערקייט זיי זאָלן אויך פאַרמאָגן
און אויך די ריחות פון די שיכורע פאַרטאָגן
אין מײַן סעדער־טאָל,
אַז מיט ריינעם האַרצן כ׳זאָל
זיי מעגן יענע איבערגעבן
וואָס געדענקען נאָך מײַן קול
ווען אין אַלע פרוּוון
כ׳בין געווען מיט זיי, דענעבן...

צווישן שמעקנדיקע לינדנביימער
פון מײַן גרינער שטאָט
פֿאַרטראַכט איך גיי מיר,
און איינס איך ווונטש:
זאָל קיין מאָל מער דער טרויער
קיין צוגאַנג ניט געפֿונען צו איר טויער...

נײַער שטײַגער, נײַע זיטן

די מלחמה־שפּורן
שוין פֿון לאַנג פֿאַרשווּנדן.
מיט נײַער הויט די ווּנדן
זיך פֿון לאַנג פֿאַרצויגן,
זיך פֿאַרגלעט.
אויסגעלײַטערט פֿון שווערן הינערפּלעט
דאָס מענטשן־האַרץ זיך אויכעט
און אין דער וועלט זיך קויכעט,
וואָס יעדן טאָג ווערט נײַ־באַשאַפֿן,
פֿאַרוואַנדלט זיך
און צו איר מאָרגן־האָפֿן
זי שווימט, אין אירע כּוחות זיכער,
געטראָגן פֿון אַ האָפֿערדיקן ווּיכער...
און נאָר די טאַנקן וואָס שטייען צוגעשמידט
צו די הויכע פּאָסטאַמענטן פֿון גראַניט
אין מיטן פֿון די פּלעצער
דערמאַנען נאָך אין אַ־די וואַרעמע פֿאַרנאַכטן
יענע דונערדיקע שלאַכטן...

אויסגעגלײַכט האָט שוין פֿון לאַנג
די סאָכע
די שוצגראָבנס, און מאַמע־ערד איר ברכה
שענקט דעם מענטשן מיט די גיבור־פּויסטן
וואָס קומט צו איר מיט קאָפּ אָנטבלויזטן
יעדן פֿרי, און צו דעם ריזלען
פֿון די זאַפֿטן
אין איר אײַנגעווייד ער לוישט
מיט האַרץ פֿאַרגאַפֿטן...
און ווײַסע חברהלײַט

אין הויפן גראַמע
שפּילן זיך פאַרשייט
ניין, ניט אין מלחמה,
נאָר אין פאַרכאַפּנדיקער שפּיל
פון קאָסמאָנאַווטן...

נײַער שטייגער,
נײַע זיטן
און באַגריפן.
דער נעכטן רוקט זיך אָפּ אין טיפן
הינטערגרונט
און אויף די קאָסמאָס-שיפן
קאָלומבן דרייסטע גרייטן זיך צום שפּרונג
אַרויף, אין אַל,
צום שטערן-ווונק,
צו די לאָקנדיק-צעשימערטע פּלאַנעטן
שטעגן פאַר די דורות אויסצוטרעטן...

זאָל נאָר דער וואָלקן וואָס העט-ווײַט
דאָרטן,
ערגעץ
אין דער שקיעה-זײַט
זאַמלט זיך, טוט זיך דראָענדיק צעוואַקסן
ניט אויסברעכן
מיט שׂרפהדיקע שלאַקסן...
זאָל אַ גוטער ווינט,
אַ לינדער
צעזייען אים געשווינדער...

די קליינע יורשים'לעך

אויף די ברייטע גאַסן פון די נײַע שטעט
אָפּגעשלײַפטע ווי דילן פון פּאַרקעט
ווו ס'איז אַלצדינג שפּיגלגלאַנציק, היימלעך,
קוטשעראַווע קינדער פלאַנצן ביימלעך
ווי די גרויסע אין אײַפּעריק פּאַרוועט...

טומלענדיקע, צאַרטע קוטשעראַווע קינדער!

צווישן זיי דעם חלום פון דערפינדער
קאָן זײַן אַז ס'ווידמעט זיך מיט יונגן פלאַם
אַ יאַטל שוין. צום נעפּלדיק־פּאַרהוילטן
צום סברהדיקן נאָך, אין סוד פּאַרקנוילטן
קאָן זײַן אַ צווייטער זוכט דעם זעלטענעם סעזאַם...

קאָן זײַן אַ מיידעלע מיט אויגן הימל־בלויע
און צאַרט אַזוי ווי ס'איז געווען אויך זאַיע
ווען זי האָט פונקט אַזויפיל יאָר געהאַט,
שוין טראָגט אין זיך מסירת נפש־זאָמען,
און זיך אַרײַנשרײַבן אַ מאָל עס וועט איר נאָמען
אין פאָלקס געדעכעניש מיט ווונדערלעכער טאַט...

מען קאָן ניט וויסן ווער וווּהין וועט גרייכן,
ווער לאָזן וועט אַ שפּור נאָך זיך, אַ צייכן
צום רימען אים, — ווער קאָן פאָרויס דאָס זען?
נאָר זאָגן זיכער כ'קען: זיי וועלן זיך ניט שטילן
מיט דעם גרייטן־פּאַרטיקן, —
צו נײַע גרויסע צילן
זיי וועלן קלעטערן די קליינע יורשים'לעך — אין ברען
איןליידנשאַפט, אינעם נצחון־ווילן
אומבויגיקע, אַזוי ווי מיר זענען געווען.

דער וועטעראַן

אַ קינד כּמעט, דאָס פּנים זײַנס צעפּלאָמט,
מיט תּמימות־טוי אין בליק, די האָר צעפּאַטלט,
געקומען איז ער אין דעם זאַמל־אַמט
און אויף שמאָלן אַקסעלע גענעמען
דאָס קורצע אויטאָמאַטל...

ער האָט אין שיפלאָד פון זײַן טיש
אַרײַנגערוקט די העפטן און די ביכער
און איז אַוועק אין גרויסער אײַלעניש,
ווי אַלע מיר אויך ער אין גאַנצן זיכער,
אַז דער קריג פאַרבײַ וועט ווי אַ וואָלקנבראָך
און צו זיי ער וועט זיך גיך אומקערן
און דערקענען דאָס וואָס ניט באַוויזן נאָך
ביז יענעם טאָג דערקענען, און זײַן תּוך
און זײַן נשמה־אינהאַלט וועט עס ווערן...

אויפן וואָקזאַל געשטאַנען איז אויך זי,
אַ קאַרשנביימעלע אין ערשטן בלי
וואָס אויפגעוועקט האָט זײַנע יינגלשע באַגערן
און מיט איר דינסטן שטריך
און מיט איר מיידל־שײַן האָט זיך
געוואָלט אין גאַנצן ער דורכדרינגען,
און אויפן הויכן טרעפּל פון וואַגאָן
אין לעצטער רגע איז ער פלינק אַרויפגעשפּרינגען
און אויף דעם געשטאַנען ביז דעם עשעלאָן
ס'האָט דער ווײַטקייט־נעפּל אײַנגעשלינגען...

נאָר ער אַ פּנים אין אַ העמד פון זײַד
געבאָרן איז, ער האָט זיך אומגעקערט אַ גאַנצער.

זאָגן דאָך די פּיל געפּרוּטע לײַט:
דעם מוטיקן די קויל די בלינדע מײַדט,
זײַן מוט איז אים אַ פּאַנצער...

און הײַנט, ווען כ'זע אים שעהנלאַנג
מיט ביכער ווי מיט גוטע פרײַנד פאַרווײַלן,
צי ווען מיט איר וואָס איז געוואָרן
ווײַבלעך רייצנדיק און שלאַנק
ער טוט צו אַ באַגעגעניש זיך אײַלן
ביים פּאַלאַץ מיט די מירמל-זײַלן,
מיט יינגל-פלאַטער אין נשמה און אין גאַנג,
דורך דעם פּראָספּעקט דעם ליכטיק-גראַמען, —
מיר גלויבט זיך ניט אַז אָט דאָס יינגל-מאַן
רופט מען שוין בײַ אונדז מלחמה-וועטעראַן
און אויסגעקריצט צווישן גיבורים
ס'איז זײַן נאָמען...

און כ׳האָב נאָר איין פאַרלאַנג

כאָטש אָפּגעדונערט ס׳האָט דער קריג פון לאַנג
גיט אָבער ער נאָך אָפּט פון זיך צו וויסן,
און ס׳קריכט אַרויס נאָך ערגעץ
ווי אַ שלאַנג
אַ באָמבע פון אַ מאָל
וואָס האָט ניט אויפגעריסן...

און ס׳אַקער־אײַזן וואָס עסט אײַן געשמאַק
אין שוואַרצערד זיך אין קלעפּיק־ווייכער,
טוט אין אַ מינע זיך פּלוצעם אַ פּאַרהאַק,
פון יענער צייט
אַ יאַטערדיקער זכר...

דער קריג דערמאַנט אין זיך
גאָר אומגעריכט:
דער מענטש מיט פיס צוויי הילצערנע
בײַם טויער,
דער בלינדער
מיטן בלאָ־געשטופּלטן געזיכט,
די פרוי וואָס טוט ניט אויס דאָס קלייד פון טרויער
ווײַל אין איינעם מיטן מאַן אין שלאַכט באַגלייט
האָט זי צוויי יינגלעך צאַרטענקע,
נאָר דרייסטע,
און צוואַנציק לאַנגע יאָרן אויף דער שוועל
זי שטייט
פאַרגליווערט אין איר צער,
אַן אומגעטרייסטע...

אוי, האָט ניט קיין פּאַראיבל אויף מיר,
למען השם,
וואָס די זאַכן איך דערמאָן ניט אָנגענעמע;
געזיינגען ליבער כ׳וואָלט אַצינד פון דעם
וואָס פאַרדינט פיל מערער אַ פּאָעמע...

פון פרילינג אפשר, פון שמעקנדיקן ווינט,
פון נחת וואָס מיר האָבן פון אַ קינד,
צי פון דער פרוי
וואָס אין דער פולער מאָס פאַרדינט
אונדזער אַנטציקונג און פאַרערונג...

נאָר ערגעץ קענן לעבן עמעצער דאָך שפּינט
אַ ניַי פּאַראַט,
אַ טיַיוולשע פאַרשווערונג...

מעג נעמען איך אויף זיך
דעם שוויַיגן־חטא?
זיך גלייכגילטיק
אין שאָל אין אייגענער פאַרמאַכן
טויב צו דעם וואָס אין דער וועלט געשעט?
דערפאַר מיט פולן קול רעד איך פון די זאַכן,
כאָטש מיַין כלי אויף וועלכער איך שפּיל
געגעבן פאַר געזאַנג איז וואָס השתפכות־שטיל,
אָן טומל פליסט פון אַ געמיט אַ ווייכן,
און כ׳האָב נאָר איין פאַרלאַנג,
נאָר איינס איך וויל:
מיַין ליד
ווי אַ דערמאָנונג
זאָל צו מענטשן־הערצער גרייכן...

די חרובע וואַנט

די חרובע וואַנט

צווישן ציגל, קופּעס בראָכוואַרג,
גאַנץ
געבליבן איז איין וואַנט פון שיינעם מויער,
איין וואַנט —
זי שטייט ווי אַ משונהדיקע פלאַנץ
און ס׳טריפט פון איר — צעשמעלצטער פעך —
דער טרויער.

די וואַנט איז פון פּאַסאַד. קיין שום געמעל
קיין שום באַפּוצונגען — געקלעפּטע, צי געשניצטע;

אַ מאָל, אין אָוונט, פלעגן פריילעך, מיט אַ טשמעל
קוואַדראַטע אותיות, צעגלימערטע, צעבליצטע,
אומגעריכט די וואַנט טאָן אַ פאַרגיס
מיט אַ פאַרביק-גרעלער רעגנבויגן-כוואַליע;

דאָ האָט געקיניגט, איר געדענקט געוויס,
אַ יידישלעך-געקליידטע, די פאַרשייטע
טאַליאַ...

און ס׳האָבן אַקטיאָרן איר געדינט
ביז זעלבסטפאַרגעסונג, מיט אַ פרומען פלאַטער,
און אָן בילעטן מיר
(כ׳דערמאָן מײַן קינדהייט-זינד)
אַרײַנשמוגלען זיך פלעגן אין טעאַטער...

און עולה רגל זײַן עס פלעג דאָס פאָלק אַהער,
דאַנקבאַר פאַר דעם יום טוב פאַרגעשטעלטן,

פאַר געמאַכטן שמייכל,
פאַר דער פאַלשער טרער,
פאַר אַנטפּלעקטע אויסטערלישע וועלטן
וווּהין ס'איז נאָכגעגאַנגען ווי געפּלעפּט
מיט זשעדנע אויגן און מבולבלע געפילן,
פאַרפירט פון פאַרביקן מעשׂהלע־געהעפּט,
ווי אין מיסטעריעס אוממעגלעכע זיך טרעפט
צי גאָר אין פריילעכע, פאַרדרייטע וואָדעווילן...
דאַנקבאַר פאַר די רייד פון אַקטיאָר
וואָס אָפּגעשוימט דעם וויי פון די געמיטער,
דאַנקבאַר פאַר אילוזיעס
פאַרוואַנדלטע אין וואָר
בײַ דער שוואַכער שײַן פונעם יופּיטער...

זי שטייט די וואַנט — אַ זכר נאָך דעם גלאַנץ,
נאָך דעם רום פאַרגאַנגענעם —
אַן אָבעליסק אַ גרויער,
אַ משונה'דיקע,
פון די חורבות
אַרויסגעשפּראָצטע פלאַנץ,
און ס'טריפט פון איר —
צעשמעלצטער פּעך —
דער טרויער...

געדענקסט מײַן פרײַנד?

גערענקסט מײַן פרײַנד? נאָך יאָרן עלנט, נויט,
פון רדיפות מיד, פון לעבן נע ונדן,
האָט דאָ זיך אָפּגעשטעלט די בלאָנדזשנדיקע בויד
מיטן תמימות-מעשׂהלע, דעם וווּנדערלעכן נדן,
וואָס אויפגעלאָדן ס׳האָט אויף איר
גאָלדפאָדן...

און מ׳האָט די לצים-מאַסקעס אויסגעפּאַקט געשווינד,
די קרוינען פון קאַרטאָן,
די פלאַקס-בערד קוטשעראַווע,
די קליידער וואָס פון לאַנג שוין אָפּגעדינט,
און טעג זענען אַוועק פון פריילעכן געהאַווע,
פון מי וואָס מע באַגייסטערט טוט,
באַהבה...

כ׳האָב דעמאָלט דעם קוליסן-טומל דאָ געקענט,
פון שמינק און קליי און פאַרבן די גערוכן,
דאָס פײַער וואָס ס׳האָט יעדער דאָ פאַרשווענדט,
דעם געאַמפּער
און דאָס פיבעריקע זוכן
דעם באַהעפטונגס-סוד
צו אַלע ווידערשפּרוכן...

און כ׳האָב געזען ווי נײַע פאָרמען מ׳האָט געזוכט
צום נײַעם אינהאַלט יום טובדיק-צעשטראַלטע,
און קינאה,
און שׂינאה,
און אייפערזוכט,
און פון פאַרצווייפלונג די שאָטנדלעך קאַלטע

אין די צאַנקנדיקע בליקן פון די אַלטע...
און אויף וויִעם אויך געזען אַ טרער,
און וויפל אויסדויער,
עקשנות, גלויבן ? —

וואָס האָט געוווּסט פון דעם דער רוישיקער פּאַרטער,
די טומלענדיקע יוגנט אויף די באַלקאָנען, אויבן,
ווען אָן אַ סוף דער פורהאַנג זיך פאַרהויבן ?

ס׳האָט אַלץ געפיבערט. אין זין און אין געמיט
איז פרילינגדיק געווען און אויסגעלײַטערט,
און מיטן פּאַפּיראָס וואָס זײַנע ליפּן שוין געבריט
האָט פאַר דער ראַמפּע, אויפגעהײַטערט
געשפּאַנט הין און צוריק דער קינסטלערישער לײַטער
גלײַך אין די ווייכע שטילן באַקוועם אַרײַנגערוקט,
פון אַ זײַטן-לאָזשע, איבערן פּאַרענטש געבויגן
מענדעלע,
שלום עליכם,
פּרץ
אויף אים האָבן געקוקט
מיט מאָנענדיקע, מילד-באַיאָענדיקע אויגן
און די פאַרטראַכטן זײַנע און די אויפטוען געוויגן...

געדענקסט ?
געווען מ׳איז אײַנגעשפּאַרט און יונג
פאַרלאָקט דאָס לעבן האָט מיט וווּנדער-שטימען,
און מ׳האָט געגלויבט אַז וואָס מע טוט
איז עס אַ רונג,
אַ רינגעלע אין קייט, אַ סימן,
די נאָכגייער ווײַטע
זאָלן זיי לויבן, זיי רימען...

און אויך הײַנט, ווען זיך דערמאָנסט יענע ליכט
די שײנקײט יענע און די פּלענער,
באַשטראַלט ווערט פּלוצעם פון אַ כּישוף דײַן געזיכט
און צו דער יונגער,
סודותפולער,
שטיפערן צו יענער
ענלעך ווערסטו ווידער
און אַפילו שענער...

אָפּגעלייגטע פּרעמיערע

תּמיד ווען דו קומסט צו אַט דער וואַנט,
דער איינציקער נאָך יענעם גרויסן בראַנד,
ביסטו אַ וואָרט אויסריידן ניט אימשטאַנד,
דער ווייטיק טוט אין האַלדז אַרויף אַ כּלינע; —

דאָ איז געווען אַ מאָל דײַן חלום-לאַנד,
דײַן גן עדן דער פאַרלוירענער —
די בינע...

תּמיד, ווען די וואַנט נאָר דו דערזעסט,
ווערט קאַלט דײַן פּנים, גראָ, ווי פון אַזבעסט,
און כ׳ווייס אַז באַלד זיך אָפּקערן דו וועסט
פון מיר — ניט זען כ׳זאָל דײַנע טרערן; —
דאָ איז געווען אַ מאָל דײַן קינדהייט-נעסט
ווו צו גליק געוואַקסן האָסט צו שווערן...

פאַרגליווערט שטייסטו אין דער דעמער-שײַן
און קוקסט זיך דורך דער וואַנט אין נעכטן אײַן,
צי גאָר אין דעם וואָס וועט נאָך זײַן
נאָר ס׳איז נאָך פאַרן בליק דערווײַל פאַרהוילן —
און ס׳טוט אַ צוק דאָס פּנים דײַנס אין פּײַן,
גלײַך געשטאַנען וואָלסט אויף פּריסיק-קוילן...

און אפשר, אפשר שטעלסטו זיך גאָר פאָר
(אַי, ווען ס׳איז אַזוי)
אַז דאָס איז גאָרניט וואָר,
אַז די וואַנט די חורבע איז נאָר
אַן אויסגעדאַכטע,
אַן אילוזיע סך הכל,

נאָר אַ מרה שחורהדיקער, טונקעלער דעקאָר
צו אַ שווערן, אומגעווײנלעכן ספּעקטאַקל,

וואָס מיר אים גרייטן שוין פֿון ווײַסער ווען
מיט לײַדנשאַפֿט,
התלהבות,
יונגן ברען,
און אָנשטרענגען איבער די כּוחות, שווערע,
נאָר קיינער ווייסט ניט וואָס עס איז געשען
וואָס אָפּגעלייגט
מע האָט אויף לאַנג
די פּרעמיערע...

ווי פל מאָל בין איך געזעסן

ווי פל מאָל בין איך פֿאַרגאַפֿט געזעסן
אוּן
מיט דאָרשט די לופֿט געשלונגען אין טעאַטער,
געוואַרט (דו האָסט אַפֿילו ניט געוווּסט דערפֿון)
אַז דו זאָלסט ווי אַ שמעטערלינגל אין דער זון
טאָן אויף דער בינע לײַכט אַ גלימער און אַ פֿלאַטער...

כ׳זאָל זען ווי אויף אַ גאַנצן אָוונט, גיך,
דו שמעלצסט זיך אין אַ פֿרוי אַ צווייטער איבער,
און נעמסט אַרײַן אַ פֿרעמדע וועלט אין זיך,
איר פֿרייד,
איר חלום,
און איר פֿיבער...
און דו פֿאַרגעסט אי מיך. אי זיך אַליין,
יאָ, אַלץ,
און גלײַך איך וואָלט פֿאַר דיר ווי ניט געוועזן,
אַ צווייטן וואָס ניט ווערט איז דיך
דו וואַרפֿסט זיך אויפֿן האַלדז
און גיבסט זיך אָפּ אים מיט גאַנצן וועזן...

נאָר ווען דער פֿורהאַנג האָט געטאָן אַ פֿאַל,
און פֿאַרוקט זיך נאָכן עולם ס׳האָט דער ריגל,
כ׳פֿלעג בלײַבן זיצן איינער אינעם פּוסטן זאַל
ביז וועסט אין קליינעם צימערל בײַם שפּיגל
אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די כּישוף־פֿליגל,
אַראָפּוואַשן די פֿרעמדע מאַסקע פֿון געזיכט,
זיך אויסשיילן פֿון יענעם צווייטן לעבן,

און מיט דײַן אײגענעם אַרױסקומען
נשמה־ליכט
װאָס מיר ביז הײַנט טוסטו עס
אָן קאַרגשאַפט געבן...

פראָלאָג

פון שטעטלעך ווו מיט שארפע דעמאָן-בערד
שפּאַצירן אויף די דעכלעך אום די ציגן,
אַ בויד האָט איין מאָל אין שטאָט זיך אומגעקערט,
פאַרפאָרן צום טעאַטער-פּלאַץ דעם היגן,
און אַ טרופּע שוישפּילער האָט רוישיק אויסגעשטיגן...

און צווישן דעם קאָמעדיאַנטישן געזינד
מיט געלע פון מידקייט פּנימער און פּליכן,
געווען אויך דו ביסט דעמאָלט
נאָך כּמעט אַ קינד,
מיט טיפן ערנסט פון גרויסע אין די שטריכן,
און שטיפער-בליקן וואָס אין האַרץ פאַרקריכן...

געשוימט מיט צוויט דער פרילינג האָט אין קאַנט,
אין פּירות זאַפּטיק פאַרבינדן זיך דער קערן,
און דו — דו האָסט אַפילו ניט געאַנט
דעם נייַעם ראָל דיר צוגעטיילטן, שווערן,
פון לעבן גופא,
וואָס דייַן לעבנס-ראָל וועט ווערן...

האָסט ניט געוווּסט נאָך אַז עס שטייט דיר פאָר
אין אָט דעם ראָל ביז טיפקייט זיך אַנטהילן,
און ס׳וועט ניט זייַן אין קאַסטן זייַנוול דער סופלאָר
וואָס קוקנדיק אין העפטל דורך די דיקע ברילן
זאָל געבן דיר אַ וואָרט
זאָלסט עס „באַשפּילן״...

ביסט נאָך געווען אַ ציגעלע וואָס לאָזט
ניט פאַנגען זיך אין יענעם פרילינג בלויען,
געזוכט מיך

און מיך אויסגעמײַדט דו האָסט
מיט האַרץ צעטומלטן ווי אַלע יונגע פרויען
וואָס זענען גרייט נאָר מורא זיך פאַרטרויען...

נאָר איין מאָל ביסט געקומען אָן ערנסטע צו גיין,
(צום ערשטן מאָל קאַטאָוועס ניט געטריבן)
פאַרויטלט ווי אַ קאַרשעלע אין פרילינג-חן
ביסטו געקומען און מיט מיר פאַרבליבן... —

די דראַמע האָט דאָס לעבן
שפּעטער ערשט
דערשריבן...

מיט פנים פּעטן נאָך פון שמינק

יעדע נאַכט,
מיט פּנים פּעטן נאָך פון שמינק,
אַ שטראַלנדיקע פלעגסטו קומען פון טעאַטער,
און אַריינברענגען אין שטוב
נאָר ווי אַ שמעטערלינג
דײַן פריילעכקייט,
דײַן אומרו
און דײַן האַרצן-פלאַטער...

און מיידלש-שטיפעריש און זאָרגלאָז-גרינג
פלעגסטו די הענט כּמעט קינדעריש נאָך דינע
אויפן האַלדז מיר אָנטאָן ווי אַ רעטונגס-רינג
גראַציעז און עכט ווי אויף דער בינע...

און מיט פרעמדע תּנועות
און מיט פרעמדן קול
צעפלאַפּלט זיך און כ'האָב ניט באַלד באַנומען,
צי פּרוּווסטו אוים אויף זיך אַ נײַעם ראָל,
צי טוסט פאַרשײַט דײַן רעזשיסאָר גאָר
איבערקרומען...

דײַן רעזשיסאָר וואָס מאָנענדיק און שטרענג
דײַן אָפּגאָט איז געווען
אין יענע פרייד און ליכט-טעג,
און קוקן מיט פאַרליבטקייט פלעגסט אויף אים
כ'געדענק,
גלײַך מאַכן מיך געוואָלט האָסט אייפערזיכטיק...

מיר זענען יונג געווען, צום האָריזאָנט
דער וועג — אַן אויפגעפּראַלטער, אָפן; —
(מיר האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט ווי נאָנט
די צרה איז, וואָס האָט דערנאָך געטראָפן)
ס׳האָט זיך געשפּאַנט און אײַך געאָטעמט גרינג.
די הערצער און די פיס
פון וווּנדן ניט צעיאָטערט...
און כ׳האָב געקושט דײַן פּנים
וואָס נאָך פעט געווען פון שמינק,
ווען מיט דײַן פרייליעכקייט און אומרו
ווי אַ שמעטערלינג
פון פאַרשטעלונג אַהיים
דו האָסט אַרײַנגעפלאָטערט...

דאָס טעאַטער־גלעקל

אָפּט, אין אָוונט ווען די בענקשאַפט טוט
אין גאַסן־פּלאָנט אַ צי אַרוים פון שטיבל,
און ווי לבנה־קראַנק, יאָ, ווי אַ בלוד,
מיט מײַן שווערן, אומאויסהיילבאַרן פּאַראיבל
איך פּאַרגיי צו אָט דעם וויסטן פּלאַץ,
דאַכט זיך מיר: כ׳הער פון טעאַטער־גלעקל
דעם דראָבנע קלאַנג,
ווי אויף אַ זילבער־טאַץ
דין זײַן שטימעלע טוט עס אַ צעברעקל,
אַז ס׳וויל זיך צוגיין, טאָן אַ שטופּ די טיר,
און פון וועסטיבול — גלײַך אין די קוליסן,
ס׳זאָל אַ שלאָג טאָן יענע שײַן אויף מיר,
וואָס אויך דאָרט אין קאַנט פון אייביקן געפריר
כ׳האָב זי אין זיך געטראָגן
ווי דעם פרײַהײַטס־גיר,
ווי מײַן חלום,
ווי מײַן ליבע,
מײַן געוויסן...

דאַכט זיך מיר פּאַרגליווערט ווי איך שטיי
אַז צו מיר קומען אַרוים אין שאָטן פון די ביימער
היימישע געשטאַלטן — אַ גאַנצע גאַלעריי,
בגניבה נאָר ווי אויף אַ טרעפונג אַ געהיימער,
און אַרום מיר בײַם ברעג פון טראָטואַר
זיי זעצן אויס זיך אויף דער ערד דער רויער
און ריידן פון די הערצער זיך אַראָפּ דעם צער,

און זיפצן זייער ווייטיק מיר אַרײַן אין אויער —
טביה,
בנימין,
עצמך,
מאַזגאַוואָיער,
מירל אפרת, פּערטשיק (פון סיבירער ווײַט
צוריקגעקומען ערשט אין גאַנצן שוין אַ גרויער)
און אַלע פרעגן:
„פאַר וואָס דער איבערבייט,
און וואָס די גרינגשעצונג צו זיי באַטייט?”
און אַלע לייענען מיר לאַנגע מאָנאָלאָגן
פון „זײַן אָדער ניט זײַן”
און ס'עקבערט ווי אַ שרויף
מיך זייער וואָרט,
גלײַך איך די שולד וואָלט טראָגן
אין דעם וואָס זיי אַרויסגעשטויסן זענען
אויפן הויף,
גלײַך איך פאַרגעסן האָב צו זיי מײַן חוב
און ניט אַרויס בין איך פאַר זיי זיך שלאָגן...

און ווען איך קום צו זיך
איז פּוסט אַרום
דאָס פלאַץ און ווי טשוהון אויף מיר דאָס רעקל,
און אַ היץ באַשלאָגט,
און אין די אויערן אַ זשום,
גלײַך ערגעץ אַרום מיר וואָלט דאָס טעאַטער-גלעקל
דין זײַן שטימעלע אויף זילבער-טאַץ געברעקלט...

דער אַלטער קאָמיקער

מיט אַ שמייכעלע און טעאַטראַלן זשעסט
וואָס ערנסט־ווירדיק איז
און לציש־אונטערטעניק,
אין גאַרדעראָב פון רעסטאָראַן באַגעגנט ער די געסט,
אויסגעסטראָצלט אין ליווריע ווי אַ קעניג.

ער טוט זיי אויס און טוט זיי אָן צוריק
די טײַערע מענטל אויף די אַקסל העפלעך,
און זאָגט דערבײַ פון אַ טעאַטער־שטיק
אַ רעפּליק וואָס שאַרפזיניק איז
און טרעפלעך...

אַ רעפּליק פון אַ ראָל וואָס ער מיט קראַפט
באַשאַפן האָט אַ מאָל און פול מיט חידוש,
און נחת מ׳האָט געהאַט און מ׳האָט געגאַפט
ווען אַ טעאַטער ס׳איז געווען בײַ אונדז
אַ יידיש;

ווי טיף פאַרערט אים ס׳האָבן קליין און גרויס,
ווי ליב געהאַט מ׳האָט אים
דעם מאַן דעם גרײַזן,
ווי פריילעך ס׳האָט דער זאָל געטאָן אַ ברויז
ווען ער זיך פלעג אין בינע־ראַם באַווײַזן,
דאַנקבאַר אים פאַר שאַרפזין אָן אַ מאָס,
און פאַר די פריילעך־מרה שחורה׳קע געשטאַלטן;

איז עמעצן אײַנגעפאַלן (אַך, סאַראַ פאַרדראָס)
די לאָמפּן פון דער ראַמפּע אויסצושאַלטן...

און ס'האָט דער פורהאַנג זיך אַראָפּגעלאָזט אָן רעש,
אַ נײַעם ווענד גענעמען האָט די האַנדלונג,
און אָט־אָ זיצט ער
אונדזער ליבער פּערסאָנאַזש
אין זײַן נײַער איבערוואַנדלונג...

שווינדלאַז, אָן רחמנות, מיט געוואַלט,
האָט אים, דעם קאָמיקער,
דאָס לעבן,
זיך אַליין, דאָס אייגענע געשטאַלט
אין פּלאַן גאָר טראַגישן
צו שפּילן הײַנט געגעבן...

אַז שטיין אין גאַרדעראָב פון רעסטאָראַן זאָל ער
אויסגעסטראָצלט ווי אַ קעניג אין ליוורייע,
און קיינער זאָל ניט וויסן
ווי אים בריט אין האַרץ אַ טרער
ווי די געשענקטע, ניקלענע מטבע...

און אַז אויך איצטער, כ'לעבן, ווי אַ מאָל
ווען ער פּלעג די מענטשן־הערצער
מיט זײַן שפּיל דערהויבן
שפּילט ער פרײלעך אָט דעם טרויעריקן ראָל
כּדי דעם אייגענעם ווייטיק צו פאַרטויבן...

ווידערגעבורט

1957-1967

נאָך דעם שטורעם

ס'איז שוין פאַרביַי דער פילבאַליקער שטורעם.
עס לאָזן דעם וועלט-גוף פאַמעלעך אָפּ די יסורים
ווי נאָך אַ צעיאַטערט-ביזן געשוויר;
מיט יעדער שעה אָטעמט פריַיער זיך איר,
און דער וואַלד טוט אַזכּרות אָפּריכטן
נאָך די געפאַלענע טאָפּאָלן, פּיכטן
וואָס האָבן וויַיט אין דער געגנט אַרום
פאַרמערט זייער וואַלדיש חשיבות און רום;
אויף פּייגלשע העלדזער געטאָקטע, אין ווונדן,
וואָס האָבן מיט זייער זינגען געשם'ט,
די שלייפן פאַרצויגענע שטיַיף, זיך צעבונדן,
און ווידער אַ פרוו טאָן די שטימען מע נעמט
ווי איידער עס האָט דאָס באַשאַף אויפגעהעמט
די רוחות וואָס מיט אַ מטורף ירגזון
האָבן אַרוים אויף דער וועלט זיך געלאָזן...
און הערשעלעך קומען מיט שאָרכלאָזע טריט
פאַרחידושטע טרינקען די שיַין וואָס פאַרהיט
געוואָרן אין שפּיגל פון לויטערן קוואַל איז...
מיט פרישקייט און ריחות פון אומעטום ציט,
און ווי אַ פויגל אויף שפּיציקע סקאַלעס
צעקלאַפּט און צעהרגעט אין ווילדן זאַוויי,
דאָס האַרץ איַינגעשרומפּנס פון פּחד און וויי
צו מענטשן אַ שמיַיס טאָן וויל מיט אַ געשריי
פון אָט דעם נס אין התפּעלות...

די נאַכט אַנטרינט

די נאַכט אַנטרינט.
אין די פאַרהוילטסטע שפּאַלטן
די פלעדערמײַז
פון טאָגליכט בלינד
שוין אײַלן זיך באַהאַלטן...

די לופט ווערט ווייך און מילד.
בײַם הימל-זוים,
אַ שימערדיקער ריגל
רוקט זיך אויף און עס אַנטהילט
פאַמעלעך זיך דער קאָפּ פון היגל...
משמעות אַז די חשכות שוין
צעשאַרט די זון מיט מעכטיקן
בולדאָזער,
און אַ שפּיל טאָן באַלד
אויף װעלדער-קרוין
זי וועט מיט שײַן בלייך-ראָזער...

עס גינט. עס גינט. עס גינט.
דער טאָג קומט העל און הײַטער.
דער פראַגן-קנופּ
אין האַרצן זיך צעבינדט,
און איך דערפיל מיך
ווי אַ זאָרגלאָז קינד
מיטאַמאָל
פון אַלע לאַסטן
אַ באַפרײַטער...

באַגינען אין פעלד

איך גיי אַרום אין גאָלדענעם באַגין
אין פעלד מיט ווײַנשל־שטעקן סוקעוואַטן.
די לופט שפעט־האַרבסטיק איז,
נאָר גרין
די ערד איז נאָך און אירע אַראָמאַטן
די זיסלעך־שאַרפע, אַ דאָרשטיקער איך טרונק,
און פול מיט זיי
ווערט מײַן פאַרייכערט־שוואַכע לונג,
און אָטעמען עס נעמען אַלע הויט־געוועבן,
און גלײַך עס האָט די יאָרן־לאַסט פון מיר
אַראָפגעקײַקלט זיך, אַ צופלוס איך דערשפיר
פון פרישע האָפטן און פון לעבנס־גיר,
כאָטש שפרינגען נעם,
כאָטש אין דער הויך נעם שוועבן...

איך וויש פון זין די נאַכט־מחשבות אוים
ווי צוגעקלעפטע פליגעלעך
פון פײַכטע שויבן,
און דער ווערטער־ראָי
ווי בינען אויף אַ רויז
לאָזט זיך אַראָפ אויף מיר
מיט זמרדיקן ברויז
און מיט אַ ליכטיקייט
טוט מײַן געמיט באַשטויבן...

קאַיאָר

ווען דער סירענע־רוף פון די זאַוואָדן
פאַלט צו ווי אַ שוואַלב צו מײַנע לאָדן,
איך שלאָף שוין ניט, כ׳זיץ ביי מיין טיש
אַ גוטער און אַ בייזער,
שוין פון לאַנג אַ וואַכער,
און דעם ווערטער־לויג מיינעם איך מיש
ווי די קרײַטער אין זײַן טאָפּ
אַ כּישוף־מאַכער,
און כ׳לייטער זיי,
איך גלי זיי אויס
די ווערטער,
מיט דער שאַפונגס־לייד
און מיט דער פרייד
דער מיר אויף ס׳נײַ באַשערטער,
אַז דורכזיכטיק זיי זאָלן זײַן — בורשטין,
און ס׳זאָל דער קערן זיך אין זיי ניט דרויבן,
און קלינגען ניט פאַרטויבט
עס זאָל אין זיי דער זין
פון אַלץ מיט וואָס איך לעב
און וואָס מיך טוט דערהויבן...

דער בליק נאָך קלאָר

דער בליק נאָך קלאָר. דער טראָט נאָך פעסט.
אין האַרץ נאָך שפּילן מונטער די באַגערן.
די טעג מיר ברענגען נאָך אַ חלום
ווי אין נעסט
אונטער מײַן דאַך די טומלענדיקע שפּערן
ברענגען אין די שנעבעלעך דעם מאָרגנשטערן...

אַזויפיל פליצנדיקע קלאַנגען, פאַרבן, שײַן!
איבער גאַסן היימישע מיט בליק געפּלעפטן
איך גיי און אָטעם אַלץ אין זיך אַרײַן,
און מיט אַלץ וואָס גיט דעם מענטשן קרעפטן
צו שטאַפּלען העכער נאָך
איך וויל מיך אויך באַהעפטן...

ס׳איז גרינג אַזוי און לויטער דאָס געפיל.
מײַן פרײַנד געטרײַסטער איז מיט מיר, דערנעבן,
און ווי איך, ביז טיפעניש זי וויל
מיט דער פרייד באַשערטער
ווידער זיך דורכוועבן, —
זי זאָל שוין זײַן מיט אונדז דאָס גאַנצע לעבן...

אַז אַלץ דערהויבנדיקס

אַז אַלץ דערהויבנדיקס וואָס פּולט אָן דאָס געמיט,
אַז אַל דאָס הערלעכע זאָל קענען איך באַזינגען,
און חשובער און וואָגיקער זאָל מאַכן עס מײַן ליד,
איך האָב זיך ניט געשוינט,
ביז טאָג אָפּט זיך געמידט,
איך זאָל דאָס וואָרט דאָס איינציקע געפינען...

ווי פון היץ פאַרמאַטערט און פון דאָרשט
אַ פאַרליבטער אין זײַן זאַך געאָלאָג, פאָרשט
די אינגעווײדן אויס פון אומבאַקאַנטן באָדן,
דײַנע אייגנשאַפטן גיריק כ'האָב געפאָרשט,
מיט וועלכער קראַפט און זאַפט ביסט אָנגעלאָדן,
איך האָב דיך אויף די ציין געפּרוּווט
און אויפן צונג,
דײַן עכטן טעם איך זאָל דערפילן
און דײַן קלונג,
וואָס איז אין דיר צו פרייד
און וואָס צו שאָדן...

דו האָרט געוועזן ביסט אָפט און זיך געוועגט
ווי קיזלשטיין,
מיר ניט אַנטפּלעקט דײַן קערן,
און איך האָב אויסגעמאַטערט, בלייך
און אויסגעצערט,
מיט זעקל ליידיקן אַ היים מיך אומגעקערט
בייז אויף זיך און מײַן באַרוף גאָר שווערן...

מײַ־נאַכט

די מײַ־נאַכט וואָס געשמעקט
מיט רויזן און אַקאַציע־האָניק
האָט מיך הײַנט געטראָפן אויפן גאַנעק
מיטן אויסקוק צום באַקאַנטן טאָל
ווו אומגעבלאָנדזשעט ס'האָט אַ דודע־ניגון.

באַשווערט פון אַן אומקלאָרן עול
כ'האָב צעגעהערט אין שטילקייט מיך צום קול
וואָס האָט צו מיר פון טיף אַרויפגעשטיגן
ווי פון רעגנבויגיק־שפּריצנדיקן קוואַל
דער וואַקסנדיקער רויש און פּראַל
און אויסשטראַל פון די טיפסטע שלונדן...
און ס'האָט אַליין געגומען זיך פאַרונדן
דאָס ליד אין די געמיט־געפּעסן;
און וואָס דערגרונטן ניט געקאָנט מעת לעתן
האָט אין קלאָרקייט זיך צעהעלט,
און וואָס ס'האָבן געוועבן טונקעלע פאַרשטעלט
האָט אַליין גענעמען זיך אַנטהילן,
זיך לײַטערן אין געדאַנק,
אין די געפילן...

די מײַ־נאַכט וואָס געשמעקט
מיט רויזן און אַקאַציע־האָניק
האָט מיך הײַנט געטראָפן אויפן גאַנעק
ווו געזעסן אַ פאַרטראַגענער איך בין
פון עול ניט קלאָרן אַ באַשווערטער
און זי האָט דורכגעלײַטערט מײַן זין
וואָס האָט פאַרקערפּערונג געזוכט
אין ווערטער.

**
*

מיט שאַרכיקער שטילקייט איז פול
דער נאַכטיקער זשלויב.
פון שמעקן דעם דופטיקן שטויב
וואָס זאָמענט אין צווײַט,
באַרוישן
שלאָפן שוין בינען
אין קנאָספּן־בעכערס ווי אין קוישן...

ווי אין ערשטן טאָג פון באַשאַף
די שטערן שפּרינגען אום זשוואַוו —
וועווערקלעך אויף די צווײַגן,
וואָס ניסלעך פון שווײַגן
זיי קנאַקן, צעשפּאַלטן
מיט די דימענטלעך וואָס זיי האַלטן
אין מויל.

די שעהן שלײַכן זיך פויל
ווי אָקסן וואָס שאַמקען, פּינען,
גייענדיק צו די קילע ברונעמס פון באַגינען
אָן אַ באַגלייטער...

אָ, ווו נעם איך אַ לייטער
אַרויפצוקלעטערן צו דײַנע הייכן
רו, צום לאַשטשענדיק־ווייכן
שוים פון דײַן היגל...
ווי קען איך אויפברעכן דעם ריגל
פון אַלע מײַנע הינערפלעטן
כ׳זאָל מײַנע מחשבות־ספּלאַוון רעטן

פון די ספק־ווירבלענדיקע שלונדן,
מײַנע ספּלאַוון וואָס פון ברעג
זיך אָפּגעבונדן
פון דעם פעלדזיק־פעסטן.

נאַכט, נאַכט אָן א גבול.
מיט שאַרכיקער שטילקייט פול
עס זענען אַלע נעסטן...

וואַד־שעה

ווי אַ חיה׳לע מיט שאָרסטקע נאָז
וואָס אויפן בערגל זיצט און הויערט,
די לבנה האָט די כמאַרע דורכגעבויערט
און שמעקט ווי־הין מע קען זיך טאָן אַ לאָז
אויף זוכן און אויף נישטער.

ס׳איז שטיל. שטיל. קיין פויגל־נישטער,
קיין חיה־ברום.
קיין מילבן־שאָרך אַרום.
אַלע שעפּענישן שטום
מיט די פײַפלעך, צימבל־סטרונעס
מידע פון פאַרמעסט,
ווי נאָך אַ גרויסן מוזיק־פעסט
באַהאַלטן זיך אין זייערע שפּאַרונעס...

פיל איך דיך נענען צו מײַן ראַנד,
ווי מיט פולן קענדל טרויבן־זאַפט אין האַנט
דאָס מיידל מיטן בלומענדיקן שלייער
וואָס גייט אַרוים אַקעגן יונגן זייער
זײַן האַרץ דערפרישן און זײַן גומען...
הער איך דיך רוישלאָז קומען
מיט ליכטיקן פנים וואָס שטראַלט אוים באַשייד
פאַר מײַן פרעגן, פאַר מײַן זוכן,
און פאַר אַלע שאַרפע ווידערשפרוכן
וואָס שטויסן זיך צענויף
אין האַרצננס שייד...
דײַן אָטעם איך שפיר.
ווערסט באַלד זיך באַווייזן.
איך פיל שוין אַרום מיר
דײַנע כישופדיקע קרײַזן...

דער שײַטער בײַם וועג

נאַכט נאָך נאַכט, ביז עס נעמט שאַריען,
בײַ מײַן הויכן שײַטער
כ׳הער נישט אויף זיך מיִען...

כ׳נעם בינטלעך טרוקן היי צענויף און שפּענער,
ס׳זאָל דער פלאַם צעפּעכערן זיך שענער...
פון צעפּוילטן בוים די האַרטע קאָרע שייל איך
אָפּ מיט הוילע הענט, אַז קנאַקנדיק און פריילעך,
זיך ניט שטיקנדיק אין רויך,
זאָל דער פלאַם אַ שלאָג טאָן אין דער הויך
מיט זײַן גוטן, פלאַטערדיקן שלייער...

און זאָלן פונעם שליאַך פאַרקערעווען די גייער
אויפקאָכן בײַם פייער אָקרעפּ זיך אַ קוואָרט,
און פון פלאַם די וואַרעמקייט געניסן,
און די וואַרעמקייט ניט קאַרגע פון מײַן וואָרט
וואָס פאַר זיי כ׳האַלט גרייט
ווי וואַרעם ברויט, אַ ביסן...

שפּעטער, ווען די שטרויכלען און נסיונות פיל
וועלן ווײַט שוין זײַן אַרונטער,
דערמאָנען וועלן זיי, איך גלויב,
מיט דאַנק-געפיל,
דעם שײַטער אויפן וועג
וואָס האָט געפלאַקערט מונטער,
דערמאָנען אויך אָט דעם וואָס האָט באַשיידן, שטיל,
נאַכט נאָך נאַכט צעשאַרט דאָס זשאַר,
און אויפגעהאַלטן עס דאָס הויכע, גוטע פײַער...

און אַ־די דאַנקבאַרקייט איז דאָך מײַן בעסטער שכר,
און אָט דער לוין איז מער פון אַלץ מיר טײַער...

דאָס קראַנקן־שוועסטערל

ס׳האָט דער שלאָף פאַרקלעפּט די אויגן־לעפּלעך
פון דער קליינער קראַנקן־שוועסטער מיט די צעפּלעך
פון אַ שילערין.
זי איז אַוועקגעפאַלן מיד.

אַ גאַנצע נאַכט האָט די חולאים זי געהיט,
די אויסגעמאַטערטע, טויט־בלייכע,
אַ גאַנצע נאַכט אין אירע שטעקשיך ווייכע
האָט אומגעפלאַטערט זי פון בעט צו בעט,
און וועמען מיט אַ וואָרט דעם ווי פאַרעדט,
און וועמען שלאָף־געטראַנק דערלאַנגט,
צי פּילן,
די שניידנדיקע ווייטיקן צו שטילן,
צי איינגעשלעפּט מיט אירע צאַרטע פינגער
פון וועמעס וואַרעמקייט
ווי פון נאַרקאָז
ווערט גרינגער...
אַ גאַנצע נאַכט האָט זי איר האַרץ פאַרשווענדט,
און פאַרטאָג אַוועקגעפאַלן אויפן טאַבורעטל
און איינגעדרימלט מיטן קאָפּ אויףביידע הענט
ווי אַ קינד
צי גאָר אַ גיפסן רחמים־געטל...

אַצינד היטן די קראַנקע אַלע אין איינעם
די רו פון קראַנקן־שוועסטערל דעם קליינעם,
זיי שווייגן.
זיי דעמפן אויף טרוקענער ליפּ

פון יאַדעשליווע בריסטן דעם הוסט,
אוּן דעם כריפּ,
קרעכצן זיי אַרײַן אונטער די וואָלענע דעקן,
כדי פון קורצן שלאָף זי ניט אױפצוּוועקן...
ש... ש... שאַ...

אַ פידעלע

איך האָב מיר אין די קינדעריאָרן
געוואָלט אַ פידעלע אָפּשפּאָרן
מיט שלאַנקן ווי אַ מיידל־האַלדז געטאָקטן גריף,
מיט סטרונעס פיר וואָס ברענגען פון דער טיף
דעם זיפץ אַרויס
גערעמפּט פון אַ סורדינע.

געווען בין פול איך דעמאָלט מיט נגינה.
דאָס וואָרט ערשט שפּעטער אין מײַן בלוט
מיט האַסט און ווײט און פײַער־גלוט
איז ווי אַ קויל אַרײַנגעדרינגען,
און ווען אַ בויגן האָט גענומען שפּרינגען
אויף די סטרונעס, איז מיר געוואָרן אַזוי וויל,
מיך דורכגענומען האָט אַ זיסער גרויל,
און מיט אַן אָפן מויל
ווי לופט די קלאַנגען כ׳האָב געשלינגען...

אַ פידעלע האָט מיר צום גליק געפעלט.
איך האָב געדאַרפט נאָר צומאַכן די אויגן
און ווי אין היץ איך האָב מיר פאָרגעשטעלט
אַז פאַרקלעמט אין מײַנע פינגער כ׳האַלט דעם בויגן...
און אויף די סטרונעס פיר
באַזעלט מיט אים איך פיר,
איך גלעט זיי מיט אַ פאָרכטיק־פרומען ציטער,
ביז עס אַנטרינט דער פײַן פון די געמיטער
בײַ די וואָס הערן מיך, און דער פאַרדראָס
צעגייט ווי פונעם ווינטל־בלאָז
ס׳צעגייט דער דינער נעפּל אין באַגינען,

און עס נעמט די ערד אַ שמעקנדיקע גרינען,
און ס׳קומט אַ גוטסקייט יעדן אויפן זינען...

אַ פידעלע האָב איך געוואָלט
וואָס רעדט,
און ברומט און ווי אַ שוועסטער־גלעט
עס איז — כ׳זאָל קענען מענטשן דינען...

די דריטע אַשמורה

איבערגענומען האָט אָקאָרשט די שליטה
איבערן וואַלד די אַשמורה די דריטע.
נאָך דויערט די נאַכט,
נאָר בײַם הימלעשן זוים
טוט עפּעס גאָר דינס,
צו באַמערקן עס קוים,
אַ ריר זיך אין חושך, אַ גלי
און אַ צאַפּל,
און אַ פויגל דערוואַכט,
טוט עפּעס אַ פּלאַפּל,
פּרוּווט זיך די שטים ווי אַ טענאָר
מי־מי,
און כאַפּט זיך צוריק; משמעות, נאָך פרי,
צו פרי פאַר זײַן קונציקן טרעל נאָך
דערווײַל איז
וואָס די הערער דערשטוינט
און זיי ברענגט אין התפּעלות...
און באַלד אויך דאָס ווינטל
וואָס קאָרנדיק שמעקט,
מיט מיאַטע און שיכּורן זאַפט אָנגעלעקט,
כאַפּט אויף זיך,
שפּיצט אָן צו דער שטילקייט דעם אויער
און שלאָפט אײַן צוריק
אויף דער ערד לעבלעך־רויער...
קיין שאָרך פון די גרעזלעך,
קיין ריר פון אַ בלאַט,
מיט די שנאָרנדע נעזלעך
די ברואים׳לעך מאַט
צענויפגעדרייט ליגן...

נאָר ס׳אַנט שוין דער סאָד
דעם פילשטימיקן ניגון...
באַלד וועט זיך דער נאַכט־פורהאַנג
טאָן אַ צעפּראַל,
און דאָס גרויסע געזאַנג
וועט, ווי לויט אַ סיגנאַל
(צעשריבן פון בראשית איז די פּאַרטיטורע)
אַ הילך טאָן אין אים
פול צאַרטקייט,
פול גבורה...

תפילה פון אַ באַרג־קלעטערער

זיכערקייט לעבן און כּוח מיר גיב,
אַז קענען זאָל איך מיט צעשפּאַלטענער ליפּ
פון דאָרשט וואָס מיך ברענט,
פון פאַרצווייפלונג־פיבער
דעם לעצטן שטרויכל אַריבער...

איך ווייס ניט צי עס איז טאַקע וואָר,
צי אַ פאַרבלענדעניש נאָר,
אַ טעות, איך מיין, פון דער ראיה,
נאָר עפּעס אַן אומבאַקאַנטע מיר בריאה,
אַ שנעק,
האָט אויף מײַן וועג
אַוועקגעלייגט זיך פּאַפּערעק,
אַ שפּאַטנדיק וויזל,
אַ פאַרזעעניש, אַ צווערג
וואָס בלאָזט פון זיך אַ ריזל,
אַ שאַלטער און וואַלטער אין די געבערג
איבער וועלכע די אייביקייט פלאַטערט...

איך האָב אויף מײַן אויפגיין אַ לעבן געפּטרט
צו געפונען דאָס בלימל פון מענטשלעכן טרוים,
וואָס בליט אויפן שפּיץ אין זוניקן שוים,
און פּלוצעם אַזאַ מין טרעפעניש
מיט דעם וויזעלע־שעפעניש,
איידער באַרירט כ׳האָב דעם זוים...

אָ, גיב מיר כּוח אַז אומדערשראָקן
פון האַנט ניט פאַרלירן זאָל איך דעם האָקן

און די קלעטערער-שטריק,
אַז אויפֿן באַרג אין בעז-בלויען רויכל
אַריבער כ'זאָל קענען דעם לעצטן שטרויכל
צו מײַן ניט לײַכטן זיג...

דאָס וואָרט פונעם גערטנער

שוין יאָרנלאַנג איך דין מיין שיינעם גאָרטן,
מײַן פּרוכטיקן, פון יונגווײַז אָפּגעשפּאָרטן
אין גרויסער שיינער מי.

איך שטיי, ווי גאָט אַליין אויף, פרי,
און ביז דער קרוין פון יעדן בוים איך קלעטער,
איך טרייסל אָפּ די רויפּן פון די בלעטער,
איך שאַר אַראָפּ די מילבן און די ווערעם
וואָס עקבערן מיט שנויצלעך דורך ביז די געדערעם
די אָנגעדראָלן-האַרטע קאָרע מיט די קאַרבן
און דעם שטאָם און אויך די פרוכט פאַרדאַרבן...

זומער, בײַ לבנה-שײַן, עלעהיי אַ טרוימער,
אַז כ׳גיי אין אים אַרײַן
(איך בין אויך זײַן שומר)
טוט אויף מיר דער סאָד מיט עפּל ווי די פויסטן
אויפן קאָפּ אַ שאָט, יינגלשדיק אַנטבלויזטן...

שטעלט אָסיען זיך בײַם פּולט
מיט זיין כמורנער מראה,
ס׳נעמט הוילן ווי צעדולט
פון ווינטן די פאַנפאַרע,
און חשוונדיק פאַרשמעקט מיט עסעריקן נעפּל,
ווערן אײַנגעדעקט אין וואַטן מײַנע עפּל,
לויט דער גריים און וואָג אויסגעלייגט אין קעסטלעך
עס זאָלן ניט אַ שלאָג זיי טאָן די פרײַע פרעסטלעך,
אַז איבערן ים ווען ווײַט מע וועט זיי פירן,
זאָלן זיי דעם טעם און פרישקייט ניט פאַרלירן...

פון די וואָגלוועגן אין מײַן גאָרטן קומען
אָפּט מאָל מידע גייער מיט פאַרשמאַכטן גומען,
אָפּרוען אין שאָטן אין דעם זאַלביק־קילן,
דעם נשמה־פיבער און די זאָרג דאָ שטילן,
דאָ אַ פּתרון זוכן צו די ווידערשפּרוכן, —
לעבן אויף זיי פון די שיכּורע גערוכן,
פון דעם בלעטערצאַפּל,
פון דעם בין־געזעמל,
פון דעם סודותדיקן פלאַפּל
און געמעמל...

האָט אַן שמייכלער־שמיץ
מיר געדאַנקט אויף עמעץ,
האָט מיך ווער געמוטיקט
און מײַן סאָד באַגוטיקט,
אים געלויבט פאַרגאַפּט
און געבענטשט מען האָט אים,
ווײַל אין אים מײַן האַפּט
דערקענט מ'האָט און מײַן אָטעם...

אָ, ליב איז מיר די מי ניט אומזיסט פאַרשוועדטע,
וואָס פון מענטשן זי איז אַן אַנערקענטע...
שטיי איך אויף קאַיאָר (שוין אַ ביסל שווערלעך)
פון דעם ווילדן גראָז, קראָפּעווע און בערלעך
ראָם איך אויס דעם סאָד, איך באַשפּריץ, באַגיס אים
מיט אַ תּרופה־גיפט קעגן די משחיתים;
ווי דער טאָג איז גרויס אָרום אים איך האָווע,
יעדע פריש געוויקס ווי אַ קינד איך כאָווע,
אים איך ווידמע מיך ביז לעצט,
באַהבה...

און ווען איך לייג אין אָוונט זיך אַנידער
מיט אַ זיסער, נאָגנדיקער מידקייט אין די גלידער
אונטער עפּלבוים וואָס שטייט אַ מילד־פאַרקלערטער
מיט עפּל זאַפּטיק־זיסע אַ באַשווערטער, —
אין דמיון כ׳זע פון גלימערדיקן שפּעטער
אַרויסגיין מײַן פאַרבייט וואָס איבערנעמען וועט ער
מײַן פּרוכטן־סאַד — אים מיט התמדה דינען,
און אַ זין און אַ באַשייד אין אים געפינען
צו אַלע פראַגן זיינע, און דעם לעבנס־ווילן
און דעם דראַנג אין זיך דערפילן,
און אַ וווּנדער־וועלט וועט זיך פאַר אים אַנטהילן
וואָס ער וועט פליַיסיק ליאַשטשען און זי פלעגן
ווי איך פון יונגערהייט טו דאָס פאַר זײַנעטוועגן...

אָ, מײַן פאַרבײַט!... פון אים איך טרוים,
און אַריבער צײַט, צום ווײַטן שפּעטער־זוים
מײַן בענטשונג ווי אַ טויב כ׳שיק אים אַרוים אַקעגן...

אין פרילינג־טאָג

פליוסקעט אויס איר גאָלד און פערלמוטער
די פרילינג־זון, קומט עפּעס אַ ניטגוטער
און טוט פון שטוב מיך אַ פּאַרלאָק,
און פירט מיך איבער גאַסן אום אַ גאַנצן טאָג
שיכּורע פון ריחות,
פון שיַין אַפּריליק־מילדער,
שיכּורע פון פייגל־טומל און געפילדער...

גיי איך ניט־געדאַגהט מיר,
אָן ציל איך גיי,
און כ׳קוק די מיידלעך נאָך
מיט האָר ווי סנאָפּעס היי
אויף די געטאָקטע אַקסעלעך צעלאָזטע —
שמעטערלינגען אין קליידעלעך אין פּראָסטע
מיט ביכער אין די טאַשן און אַ בוטערבראָט,
און אין הערצן מיט אַ צאַרטן פרילינג־סוד.
כ׳קוק אויף אויטאָס — אַלערלייִקע מאָדעלן,
ווי די דעלפינען מיט גלאַנצנדיקע פעלן
וואָס פון וואַסער זענען צו דער זון אַרויס,
און כ׳מיש מיך מיט דער מענטשן־מענגע אויס
און ווי זיי אַליין איך ווער
אויך רירעוודיקער, יונגער,
און כ׳דרינג מיך דורך אַלץ מער
מיט זייער טרוים, מיט זייער פרייד־באַגער,
מיט זייער קראַפט און לעבנס־הונגער...
צווישן זיי איך גיי
און ס׳איז מיר גוט און גרינג
און די הימלשיַין אַ גיריקער איך טרינק,

און די שײַן פון מענטשלעכע געזיכטער,
פון זייערע רייד —
זיי זענען קלוג און ניכטער,
פון זייער גוטקסייט,
פון זייער טאַט...

ווי קען פון זיי איך בלײַבן מן הצד
ווען אויף וועלטנס וואָג
זיך וויגן אומרויק די שאָלן?
און ווען אין צימערל מײַן שמאָלן
איך קער מיך אום, די טיר כ׳טו אַ צעפּראַל,
ווי אַ שטאָלגיסער צום אויוון
ווו עס שמעלצט זיך דער מעטאַל
צום טיש כ׳פאַל צו פון געפילן
און מחשבות אַ באַשווערטער,
און איבערשמעלצן נעם איך מײַנע ווערטער
זיי זאָלן בויגיקע, געטאָקטע זײַן,
און כ׳הויך אין זיי דעם פרילינג־רויש אַרײַן,
און פון האָפנונג און פון פרייד די שײַן,
און די שײַן פון מענטש
וואָס האַלט די גורל־שטריק
מיט פעסטער האַנט ,און קערוועט אים צו גליק
און נחת, ווי זײַן זעגל־שיף
אין אַ געוויטער
ס׳קערוועט אומדערשראָקן
דער ספּאָרטלער דער געניטער...

ליב דעם אָטעם כ׳האָב

ליב דעם אָטעם כ׳האָב פון פרילינג פריִען
ווען די ערד דערוואַכט,
דיביימער נעמען בליִען,
זיך אויסגלײַכן און צו דער זון זיך ציִען,
צום שמעקנדיקן, גאָלדיק-ריינעם ליכט
וואָס פליסט פון הימל
ווי מײַ-האָניק געדיכט...

און ס׳קלעפּן אויף זיך פונעם ליכט די וויִעם
בײַ פליגעלעך, יאַשטשעריצעס,
משונהדיקע בריאות,
און העכער, אַנדערש אויך דער פלי איז
פון דינע שוועלבעלעך וואָס קינצן אַלערליי
פון הויכער פליקונסט עס באַווײַזן זיי...

יאָ, אַלץ לעבט אויף, ווי אויפגעכאַפּט פון דרעמל
נעמט שמײַען, פליִען, פויזן,
שטום און מיט געזעמל,
און אַפילו אין וויטרינעס
ווי דאָס שיינע קרעמל
ווערט אַרויסגעשטעלט קאָליריק-גרעל,
און ציט און לאָקט ווי אַ כּישופדיק געמעל,
לעבעדיק די שיינע מאַנעקינען ווערן,
אין זייערע אויגן גלעזערנע, באַגערן
וואַכן אויף, זיי נעמען ווי די שטערן
פינקלען, ווינקען יונגפרוילעך-פּאַרשייט,
גלייך זיי אַרויסגיין
פון פענצטער זענען גרייט

און מיט מיר זיך לאָזן אין שפּאַציר
געלאָסן,
אָנפּילן מיט זייער חן
די טומלענדיקע גאַסן,
און איבער מיר קאָקעטיש וויצלען זיך
און שפּאַסן,
האָלעמײַ מײַן קאָפּ איז שוין פון לאַנג
אַש־גרוי,
בין איך נאָך יינגלש־לײַכטזיניק אַזוי...

די מערעשקע

איך ליג אין הויכן, שמעקנדיקן גראָז
און קוק מיך צו ווי פון איר צויבער־שלאָס
(פון פאַרדאַרבער־אויגן אין דער טיף פאַרבאָרגן)
קריכט אַרויס דאָס מערעשקעלע, וואָס
טוט אין וועלט זיך האָפּעררדיק אַ לאָז
מיט אירע גרויסע מערעשקעלע־זאָרגן...

ס׳איז זומער־לעב; ס׳איז אַלץ אין בלי.
אַ טאָג שטייט פאַר פון אומגעהייערער מי,
צעוואָרפן ליגט אַרום אַ גרויס עשירות,
לויפט עס, האַוועט, טוט אַ פאַל מיט גיר עס
צו צו יעדן יונג־פאַרגאַפטן גרעזל,
שמעקט אַרום מיט שמאַרענדיקן נעזל
די רויז פאַרפּישופּטע פון זיך אַליין,
וואָס אויסעגשיילט זיך ערשט אין פולן חן
פון סאַמעט־העמדעלע איר רויטן,
שמעקט אַרום דעם בוים האַלב־טויטן,
כאַפּט אַ וואָרעם, כאַפּט אַ טויטע פליג
פון יענע מיט די גאָלדיק־גרינע בייכלעך,
קלעמט זיך איַין מיט תּאווה אין איר גליק
און שלעפּט עס אין איר שפּיַיכלער...

און איך, דער מענטש, וואָס פאַרצווייפלט לאָז
די הענט אַ מאָל אַראָפּ אין רגעם שווערע,
איך קוק מיך צו צום קליינעם שעפּענישל, וואָס
זיַין אַרבעט טוט מיט גבורה אָן אַ מאָס,
און כ׳זאָג מיר:
דאָס איז דיר אַ לערע,
ניט פוילן זיך, נאָר מיט פאַרמערטן האַסט,

װען פּאָפּערעק עס שטעלט זיך דיר דאָס לעבן,
דערטראָגן זי די װוּנדערלעכע לאַסט,
װאָס דיר ניט װי אַ שטראָף
נאָר װי אַ לױן זי איז געגעבן...

ברונעמס

מיר גייט אָן אויפהער נאָך דאָס געוויין
פון די קינדער, ווען מען די בלאָנדע יינגלעך פון רהיין
מיט די פירעקיקע צורות ווי אויסגעהאַקטע פון שטיין
האָבן אין די קילע אָפּגרונטן פון ברונעמס געוואָרפן...

ברונעמס. ברונעמס. מיט גראָבאײַזן שאַרפן,
ביים קרייצוועג אין סטעפּ, און אין קאָרענעם טאָל,
זיי האָבן געגראָבן די אָבות אַ מאָל
מיטן שוויים פון געזיכט,
און עמערס אויף שטאַנגען
זיי האָבן מיט ליבשאַפט און זאָרג אויפגעהאַנגען,
אַז קענען ביז לויטערער טיפקייט דערלאַנגען
עס זאָלן די גייער צו ווען געטראַכט,
ווען קומען זיי ווען פון וואָגל פאַרשמאַכט
די פרישקייט געניסן
וואָס איז אַ דערקוויקונג דעם גומען...

נאָר אַלעמאָל ווען פאַרבײַ די ברונעמס איך גיי
טויכט אויף אין מיר פון טיף דאָס געשריי
פון די קינדער, וואָס זענען אין זיי
אומגעקומען,
אַ יעכצנד געשריי טו איך שטענדיק פאַרנומען
וואָס פילט אָן מײַן האַרץ,
און דעם רוים,
און די וועלט,
און אײַנגעשטילט וויל עס ניט ווערן...

איז גוט וואָס מענטשן גראָבן אין פעלד
נײַע ברונעמס — זיך טובלען אין זיי זאָלן שטערן,

און יענע וואָס ווען אין היינט-טאָג פאַרקערן
צו זיי, צו לעשן דעם דאָרשט מיט אַ טרונק,
זאָלן ניט פילן אויף צונג
דעם טעם פון בלוט
און פון קינדערשע טרערן...

ערנקרײַז

מיט פליגלען זילבערנע אַ סטײַע בושלען האָט
אין קילן הימל דעם פּאַרטאַגיק־ראָזן,
הויך געשוועבט איבער דער שטאָט
זיך גרייטנדיק די געגנט צו פאַרלאָזן.

געלאָסן, ווי אויף גלאַנצנדיקן אײַז,
מיט ברייט־צעשפּרייטע אויפגעשפּאַנטע פליגל,
אַ קרײַז זיי האָבן אָנגעצייכנט נאָך אַ קרײַז
אין ראָזן אויסגוס פון דעם הימל־שפּיגל...

און אין קאַיאָר־שײַן קילער אָפּגעטוקט,
די געטאָקטע העלדזער צו דער ערד געבויגן,
צום לעצטן מאָל די געגנט האָבן זיי באַקוקט
און אויסגעווירעט אין אַ סדר
אָפּגעפלויגן
איבער ימען ווײַט, אין לאַנד פון אייביק־בלי,
מײַן גרוס דערטראָגן צום עקוואַטאָר; —

וועלן אַלע אויסהאַלטן דעם שווערן איבערפלי?
קיינער בלייבן וועט אין וועג פאַרמאַטערט?...
וועלן זיי דערפליִען צום געגאַרטן ברעג?

וועט זיי ווילנסקראַפט און אויסדויער אויף קלעקן
בײַצוקומען אַלע פורעניות און שלעק
ביז זיי וועט דער ציל געגאַרטער
זיך אַנטפּלעקן?...

אין קילן רוים אַ סטיַיע בושלען האָט
מיט די געטאָקטע העלדזער
צו דער ערד געבויגן
אַן ערנקריַיז געמאַכט איבער דער שטאָט,
און אויסגעווירעט אין אַ סדר
אָפּגעפלויגן...

אין אַלטן פאַרק

אין אַלטן פאַרק אונטער דער צווייַגן-חופה,
ווי פון ווייַסן מירמל אַ געשנוצטע גרופע,
דאָס זעלבע פאָרל כ׳זע אַרומגענומען שטיין
יעדן אָוונט ווען איך קום אַהין צו גיין
דערפרישן זיך מיט די גערוכן שאַרפע,
און ער
מיט שלאַנקן קערפער פון אַ דיסקן-וואַרפער
רירט קוים זי מיט די פינגער-שפיצן אָן,
ווי עס רירט אַ שפילער אָן זייַן האַרפע
צו פאַרנומען איר ניט געפעלשטן טאָן,
און ווי אַ געצקעלע אַ פאָרצעלייַענס,
און ווי אַ וואָלקנדל אַ פלאַטערדיקס וואָס קאָן
פון זייַן הייסן אָטעם נאָך צעטייַען
אין דורכזיכטיקן קאָפטל פון ניילאָן...

זיי שטייען קינדעריש פאַרוווּנדערטע און הערן
ווי ס׳באַהעפטן זיך די אומקלאָרע באַגערן
מיט סודותפולער, זיך צעשמעלצנדיקער שייַן
וואָס דער אָוונט כישופט אין די גלידער זיי אַרייַן.

וואָס גייט זיי אָן די וועלט מיט גאַנג איר טויבן?
וואָס גייט זיי אָן דער הימל מיט די אַטאָם-שטויבן
וואָס בלאָנדזשען אום אין אַל
אַז דער צופלוס רוישט מיט פייַערלעכן שאַל
אין די העל-צעלויכטענע געבליטן...

און דאָרט, אַקעגן, פון זייַן הויכן פעדעסטאַל,
קוקט אַראָפ אויף זיי דער דיכטער, אומפאַרביטן,

ווי געקוקט אַ מאָל אויף מיר
דעם ייִנגל ערשט צעבליטן,
ווען אין אַזאַ מין שעה,
אונטער דעם זעלבן בוים,
אַרומגענומען כ'האָב מײַן ערשטן טרוים...

די בריק

כ׳געדענק יענעם פּייזאַזש מאָלדאַווער
ווען דער טאָג אין מערב האָט דערברענט ;
ווי אַ ריזיקער קדמונים-דינאָזאַווער
מיט די פיס אויףביידע ברעגן אָנגעלענט
פון טײַך,
אין וועלכן כמאַרעלעך זיך טוקן,
האָט אויסגעזען אין זונפאַרגאַנג די בריק...

אין יענעם טאָג האָט אויף איר רוקן
פיל מאָל צעשריבן זיך דער קריג ;
פרײַכנדיק ער האָט אין איר געהאַמערט,
געשיט מיט פײַער אין ווילדן אָנגעפלי,
נאָר מיט די לאַפּעס אין באָדן אײַנגעקלאַמערט
האָט זיך געהאַלטן אומדערשיטערט זי,
ניט געלאָזט פון פײַנט זיך איבערשטרײַכן ;
כאָטש ער האָט אַלע מאָל די אָנפליִען באַנײַט
האָט זי געהאַלטן זיך
ביז אַריבערשלײַכן
דער לעצטער צוג וועט זיך אויף יענער זײַט...

דער לעצטער צוג.
ער איז מיט קוימען קאַלטן,
באַהאַלטנדיק אין זיך דעם שוואַרצן רויך,
אָטעמלאָז, פון סאָסנע-וואַלד דעם אַלטן,
געקראָכן צו דער בריק ווי זעלנער אויפן בויך,
פאַרזיכטיק,
אומזיסט ניט אײַנצושטעלן,
ווי איבער טײַך וואָס איז געפראָרן פריש

מע טאַפּט דאָס אײַז, געטאַפּט די באַנוועג־שוועלן,
און באַשמעקט די לופט
צי בײַ דעם ליכט נאָך העלן,
ניט פֿליִען אָן די רויבפֿייגל
מיט גלאַנציק־גלאַטע פֿעלן
און מאָרדעם שפּיציקע ווי די אַקולן־פֿיש...

אָט איז די בריק.
איין מעטער נאָך, איין מעטער.
און ווען דער צוג איז מיט דער לעצטער ראָד
געווען אין יענער זײַט,
נאָר ווי אַ דונער־שמעטער
אַ קראַך דערהערט איבערן טײַך זיך האָט,
און ווי אַ חיה וואָס אַליין טוט זיך אומברענגען,
מיט צעהאַקטן רוקן איז די בריק
האַלב אײַנגעזונקען,
האַלב געבליבן הענגען —
אַז ניט אַריבערגיין זאָל איבער איר דער קריג.

דער שטאַרבנדיקער דעמב

דער אַלטער דעמב, דער וואַלד־זקן, ער שטאַרבט.
ער טרוקנט אײַן אין אומגעהײַערע יסורים.
דער דאַר האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אים
און ער פאַרדאַרבט
דעם גיבור וואָס געקענט דעם ווילדסטן שטורעם
בײַם האָרן אָנכאַפּן און אים פאַרטויבן באַלד
ווי אַן אָקסן־קעמפער אין גערענגלען
אַ גענימער...

ער שטאַרבט, און אַרום אים דער וואַלד
איז פול מיט אַזאַ קלינגענדיק געוויטער...

דאָס טומלט, רוישט,
זײַן יונגער נאָכוווּקס דאָרט,
די דעמבעלעך אין דיקע פאַנצער־הויטן;
ס׳וועט קיין שום בייזע קראַפט
ניט רירן זיי פון אָרט,
אָפּשפּרינגען עס וועלן אַלע טויטן
פון זיי, וואָס האָבן
זײַן האַרטנעקיקייט געאַרבט,
זײַן קראַפט,
זײַן אויסדויער,
זײַן שטעל דעם פעסטן...

נאָר ער אַליין, וואָס קאָן ער טאָן?
ער שטאַרבט,
אין שווערסטן איצט, באַזיגט
פון די פאַרמעסטן...

די געלענקען — שטאַר, דער וואָרצל מיד,
ווי יונגערהייט פאַר דעם געצוויַיג דעם בונטן
די טערפּקע־זיסע זאַפטן שוין ניט ציט
ווי פון אַ קערנעצע פון טיפסטע גרונטן...
ס'צאַנקט אוים דאָס חיות אין דעמבענעם געהילץ,
פאַמעלעך שטאַרבן אָפּ אין אים אַלע געוועבן,
נאָר אין אים דאָס האַרץ אַן אומגעשטילטס,
ראַנגלט זיך,
ווויל זיך ניט אונטערגעבן...
און שווימט אַ כמאַרע אָן איבערן וואַלד,
און אויפגעשפּאַנט ביז ווייסעך וויפל
אַטמאָספערן
ס'צעהוליעט זיך די גרויזאַמע געוואַלט,
און ווי אַן אַטאָם־קעסל
דער הימל זיך צעשפּאַלט,
זיך וועקן אויף אין אים
די שלאַכט־באַגערן,
און מיט די דאַרע צוויַיגן
נעמט ער וועלטן קערן
אין אַנמאַכט, זקנה'ש,
טרייסלט זיך און ברויזט...

אַזוי בעטהאָוועןן האָט מיסתּם זיַין דאַרן פויסט
צום שוואַרצן הימל מיט דראָונג אויפגעהויבן,
ווען אין בעט, צו וועלכן
דער טויט האָט צוגעפויזט,
ער האָט צום לעצטן מאָל
מיט אויער זיַינעם טויבן
דעם דונער־קנאַל
פאַרנומען דורך די שויבן...

פריינד און אומפריינד

כ׳האָב פֿרײַנד אַ סך

כ׳האָב פֿריינד אַ סך און מיט אַ קלאָר געמיט
אָן פּניות זײַטיקע, צו מיר זיי קומען
ערלעך;
דעם שטילן אונטערשטראָם זיי קענען פֿון מײַן ליד,
זיי פֿאָלגן נאָך מיין גאַנג און ראַנגל
אומאויפֿהערלעך;
זיי׳ לויבן מיך, נאָר פֿאַר אַ פֿאַלשן שריט
און פֿאַר אַ פֿאַלשן וואָרט אויך שטרענג צו מיר
געפֿערלעך,
און ווײַן מיר טרינקען וואָס אין כּוסה זידט
אויף חתונות, געבווירנטעג,
יאָריערלעך,
פֿאַר פֿרײַנדשאַפֿט וואָס פֿון חשדן־ראָסט פֿאַרהיט
איר תּמצית האָט און איז ווי תּמיד הערלעך,
און ווי דער פּוס פֿון בריק
אין טײַכס צעקאָכטער מיט
איז אומדערשיטערט זי, איז אומצעשטעלעך.

נאָר איינעם כ׳קען (כ׳דערמאָן זײַן נאָמען ניט)
ווער דאָס איז צו טרעפֿן איז ניט שווערלעך;
וואָס איז ער מערער — נאָר צי יעזואיט?
צו שווימען אויף איין שיף מיט אים איז מיר
באַשערלעך;

צו מיר ער כלומרשט זיך אין פֿרײַנדשאַפֿט ציט,
נאָר מיך ווי קראָפּעווע זײַן האַנטדרוק בריט
ווײַל אין זיין האַנט וואָס איז
אין געמיינטאַטן געניט
איך וויים: ער טראָגט פֿאַר מיר אַ קנויל
מיט בערלעך...

אין שפּעטער שעה

אין שפּעטער שעה ווען כ'בין אין מײַן װאַרשטאַט
איין אַליין געזעסן אַ צעשטרײַט־פאַרקלערטער.
און אין מײַן געמעקט־צעשױבערטן כּתב־יד
אויסגעצופּט איך האָב די גרינגראָז־ווערטער,

האָט מיר געדאַכט אַז אינעם שאָטן־קרײַז
שטייט הינטער מיר
אין שטול אַן אָנגעלענטער,
און זוכט אין ליד מײַנעם אַ װעזנטלעכן גרײַז,
און עצות גיט ער מיר און מיר ווי ייִנגלווײַז
ער מוסר זאָגט — מיין חבר און מײַן מענטאָר.

למען השם, כ'זאָל ריכטיק נאָר פאַרשטיין,
כ'זאָל זײַנע רייד קאַפּויער ניט באַנעמען, —
וואָס ער מיר זאָגט איז אָן אַ שלעכטן מיין,
איז נאָר פון זאָרג איך זאָל, חלילה, ניט פאַרגיין
אין אויסגאַנגסלאָזע ליקל־קלעמען...

כ'בין גאַנץ מיט זיך?
טוט דען מיר גאָרניט באַנק?
ניט אויסגעמאַטערט פון מײַן אַרבעט
דער ניט גרינגער?
די דאָלעטקעלעך וואָס גענוצט אַ לעבן לאַנג
אַרויסצוברענגען פונעם וואָרט דעם ריינסטן קלאַנג
פאָלגן נאָך מײַנע געניטע פינגער?.

כ'האָב קיין מאָל ניט געקלערט
אַז כ'טו ניט דאָס
וואָס טאָן געדאַרפט

און אויך ניט ווי געהעריק,
אַז געקענט כ׳האָב געבן מערער אָן אַ מאָס
ווען כ׳וואָלט זיך ניט געווען אַ מאָל צענעריקט
ווי דער וואַכטל וואָס פֿון ליכט פֿאַרבלענדט
פֿאַלט אַראָפּ אויף הויכע שפּאַנונגס־דראָטן,
און מער וויפֿל געוואָרן ווערן כ׳האָב געקענט
ווען כ׳וואָלט מײַן גאָב אויף קינצן ניט פֿאַרשווענדט
(זיי מעגן מיר ווי מײַסטעריש געראָטן).
עס קען דאָך הארב און שווינלאָז זײַן דער פּסק,
אַרומקוקן כ׳וואָלט זיך געמעגט באַצײַטנס,
„דו ביסט דאָך קלוג,
האָסט וויסן
און געשמאַק,
און אויך געמיט וואָס דק איז מן הדק,
נאָר ביסט באַדראָט ווי משה פֿון דערווײַטנס
צו זען דאָס שיינע אייביקייט־כנען
כאָטש האָסט פֿאַרבראַכט אין מדבר גלײַקן דײַן לעבן,
און באַרוועס גייסטו אום
און ס׳איז דײַן נאָרונג — מן
אַרײַנגיין דאָך אַהין
ניט יעדן איז געגעבן.

אַזוי האָט ער גערעדט, צי מיר געדאַכט זיך גלאָט
ווען כ׳בין אַליין געזעסן אַ צעשטרײַט־פֿאַרקלערטער
און פֿון מײַן געמעקט־צעשויבערטן כתב־יד
אויסגעצופּט איך האָב די ווילדגראָז־ווערטער.

ס׳האָבן זיך די פֿרײַנד פֿאַרזאַמלט

ס׳האָבן זיך די פֿרײַנד פֿאַרזאַמלט אין אַ ראָד
ווי אַרום אַן אָבל אַרום אים.
אוּן אויסגעהערט ער
האָט פֿון זיי ניט טרייסט, נאָר טענות גראָד
און פֿאָרוווּרפֿן און האַרבע מוסר־ווערטער.

זיי האָבן אים געזאָגט:
דו ביסט נאָך אַלץ אַ קינד,
יעדער צוטרוי קען בײַ דיר געווינען,
צו יעדן אײַנגייער אין דײַן געצעלט, זיך בינדט
דײַן האַרץ באַלד צו און זעסט ניט ביז אַצינד
דעם חילוק צווישן די וואָס נחת דיר פֿאַרגינען
און די וואָס בייזן מיין נאָר האָבן אויפֿן זינען...
אַ סימן האָסטו: דײַן לעצטער פֿרוּוו מיט אים...
אַרויסגעשלעפּט האָסט אים פֿון גרוב, אַן אַנאַנים,
און אויף די אַקסל אים געבראַכט צום עולם,
און דײַן וואָרט דו האָסט אַרײַנגעלייגט אין מויל אים
ווײַל ער אַליין האָט וואָס צו זאָגן ניט געהאַט,
און ער האָט דיך געפֿאָלגט נאָר ווי דער גולם
זײַן באַשאַפֿער, גרייט צו יעדער טאַט,
און דיך האָט ניט געקווּעלט דער מינדסטער חשד
אַז ער איז קלעפּיק, גליטשיק ווי אַ שלײַען,
אַז פֿון באַטרוג דעם גיפֿט ער טוט אין זיך פֿאַרטײַען,
אַז שוין דעמאָלט ווען ס׳איז ווי אַ היים
דײַן שטוב געווען פֿאַר אים גאַסטפֿרײַנדלעך אָפֿן,
שוין דעמאָלט, יאָ, געגרייט ער האָט געהיים
באַטריגעריש אַקעגן דיר זײַן שענדלעך וואָפֿן,

און איצט צו דײַן פּאַרדראָס
האָט דאָס געטראָפֿן
וואָס מיר האָבן דיר פֿירגעזאָגט —
דו זעסט?
דו האָסט געמיינט אַ זיגפֿויגל אין נעסט
דו וואַרעמסט אויס,
איז דאָס מיט שאַרפֿן שנאָבל
אַ שפּאַרבער גאָר וואָס האָט דײַן האַרץ צעגראָבלט.

האָט ער געענטפֿערט שטיל:
דעם גאַליקן צעגאָס
פֿאַרשטײ איך מײַנע פֿרײַנד, פֿון אײַער פֿאַרדראָס,
נאָר זאָגט: דערפֿאַר וואָס אים פֿון גרוב אַרויסגעהויבן
און ער האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָרניט דאָס
וואָס כ׳האָב געמיינט
דאַרף איך די גוטע אויך ניט גלויבן?
דאַרף איך פֿאַרשן יעדן מיט פֿאַרדאַכט
ווער ס׳קומט מײַן וואַרעמקייט און טרייסטוואָרט זוכן
ווען דאָס האַרץ איז אויסגעדאַרשט, פֿאַרשמאַכט
פֿון איינזאַמקייט, פֿון ספֿיקות, ווידערשפּרוכן?.

ניין, טײַערע, איך האַלט פֿון „כל דכפֿין"
זאָל קומען ווער עס וויל, כ׳בין מענטשן גערן.
אַלץ וואָס שפּילעוודיק און העל טוט יערן
אין האַרץ בײַ מיר — כ׳פֿאַרטרוי זײ
און פֿאַרגין,
זאָל קיינער ניט אַוועק פֿון מיר מיט לערן,
און מוסרט ניט אַז ווי אַ קינד איך בין,
עס איז שוין שפּעט,
כ׳וועל שוין קיין אַנדערער ניט ווערן.

אין מינוטן פון שטילשווייַגן

געוואָרן ס׳איז פון גוטע ברידער
קלענער, שיטערער דער קרייַז,
אָ־די וואָס אינעם וועלט־האַרמידער
אַוועק זיי זענען יינגלווייַז
מיט מענטשהייַט־עול אויף אַקסל פעסטע,
מיט דעם עקידה־דור אין פוס.

פון יענע שטורמישע פאַרמעסטן
דערמאַנט מען הייַנט זיי ווי די בעסטע,
און דאָס אַוודאי, איז אַ זכות,
און בעת די פיל געלעגנהייַטן
ווען ס׳קוקט דאָס פאָלק צוריק זיך אום
צו די אויפגעקנוילטע ווייַטן
דורכגעשפרייַזטע צו זייַן רום,
זיין דערפאַרונג מעסט, זייַן שטייַגן,
אומגליקן וואָס איז באַשערט
געוועזן פון גורל אים —
דאַן ווערט
מיט אַ רגע פון שטילשווייַגן
זייער אָנדענק אויך באַערט.

נאָר אין די פאָרכטיק־שטילע זאַלן,
בעת דער שווייַגעניש־מינוט,
זע איך די יינגלעך וואָס געפאַלן,
וואָס אָפגעטריפט ס׳האָט זייער בלוט
אין שפאַניע, אין צייַט פון גבורה,
און מאַמעס פון עסטראַמאַדורע
באַקלאָגט זיי האָבן מיט געוויין
ווען אין דער פרעמדער ערד צו קבורה
געבראַכט מ׳האָט זייער יונג געביין.

און ווען פאַרקויפט פון מיאוסן טענדלער
פּאַריז איז ווי אַ גאַסן־מויד
געלעגן אויסגעפּײַטשט, אין קויט,
באַשיצן זי פון פרעמדן שענדער,
איך זע זיי מיט די ווידערשטענדלער
אין קאַמף אויף לעבן און אויף טויט.

און אין חרוב־גראָער וואַרשע
כ׳זע אין פּסח־נאַכט זיי אויך —
זי שיילט זיך אויס אָט יענע פּרשה
פון העלדנטום דורך צײַטנס רויך,
ווען ס׳האָט געזאָגט דאָס געטאָ:
„שפוך!"

שפוך חמתך!
און אַ הודע
ס׳האָט געטאָן די נאַכט, אַ קראַך,
און פון יעדן הויכן דאַך,
יעדער שטוב ווי אַ מצודה,
און פון יעדער שטיינער־הרודע,
יעדן גרוב און הויפן אַש, —
מיט גראַנאַט, מיט אויפרײַס־פלאַש
און מיט שוועבל און מיט פעך האָט
און מיט בלײַ געטאָן אַ שאָט.

אינעם וועלטהאַרץ אָפּגעעכאָט
האָט די שלאַכט פון געטאָ־שטאָט
וואָס באַוווּנדער און פאַרערונג
צו די קריגער האָט געוועקט.

ווי פון כוח די דערקלערונג,
האָט די וועלט זיך דאַן געפרעגט,
פונעם שטאָלץ דער סוד ווו שטעקט,

פונעם לייבנמוט פון זייער ?
ניט אַזוי די מאַקאַבייער
האָבן זייער שטאָלץ באַשיצט,
זייערע גרינע פּאַשע־היגלען,
די געצעלטן וואָס אָן ריגלען,
ווען עס האָט די פרעמדע שוועֶרד
זיך איבער זיי צעבליצט ?.

כ׳ווייס ניט ווו ס׳איז ווער באַערדיקט,
ווייסן ווייס איך אָבער קלאָר :
דאָס לעבן אָפּגעלעבט זיי ווערדיק
די ייִנגלעך פון מײַן גרויסן דור.

און אויב זיי דענקמעלער נאָך פעלן
פון מירמל וואָס מיט ווײַסקייט בלענדט,
וועט זייער שײַן נאָך לאַנג אונדז העלן,
פאַר זיי אונדזערע הערצער וועלן
זײַן אַ פעסטער פּאָסטאַמענט.

מיר גלויבט זיך ניט

צום אָנדענק פון הערץ ריווקין

אײַנגעבאַקן ביז הײַנט אין מײַן זיכּרון
איז זײַן געשטאַלט מיט יעדן מינדסטן שטריך.

מיר גלויבט זיך אַלץ ניט נאָך אַזויפיל יאָרן
אַז ער וואָס אויפן וועג פון שטיין און דאָרן
האָט מער פאַר מיר געדאַגהט ווי פאַר זיך,
פאַרזשמורעט איין מאָל האָט די קלוגע אויגן,
באַדאַכט, מיושב, די לאַגע אָפּגעוווויגן
הינטער טיר מיט קלימפּערדיקן שלאָס,
דעם חשבון מיט דער וועלט אונטערגעצויגן
און אָפּגעגעבן דאָס געווער
באַדינגונגסלאָז...

מיר גלויבט זיך ניט, און וויפל מאָל מיר קלײַבן
זיך בײַ פרײַנד צענויף, קאַטאָוועס טרײַבן,
כאַטש אַלע שוין מיט אויסגעווײַסטע האָר,
און לידער נײַע לייענען מיר זיך פאָר
אין וועלכע ס׳צאַפּלט די יונגקייט פונעם דור,
זײַן גיר צו ליכטיקייט,
די לײַדן,
און די שאָדנס
פון וועלכע מיר אין וועג זיך ניט פאַרהיט,
און דאָס וואָס טוט ניט באַנק,
און דאָס וואָס יאָ אַ שאָד אונדז,
און איך דערזע אַז ער נישטאָ איז אין דער מיט,
איך רעד מיר אײַן אַז ס׳האָט אים צוגעשמידט
צום טיש מיסתּם אַ ניט פאַרענדיקטע פּאָעמע...

צי ער פֿאַרברענגט אַ שעה אַן אָנגענעמע
מיט יענער וואָס פֿון אַלע אויסדערוויילט
ער האָט גראָד זי, וואָס זײַנע זאָרגן טיילט,
און איר גרויסע ליבשאַפֿט אים אַ לוין איז
אַ היילונג פֿאַר די שטיל־עלעגישע רעיונות
וואָס איינגענעמען מיט איר פֿאַרשטיין זי פּרוּווט...
איך רעד מיר אײַן: אין סטעפּ, ווו דוינעס
שוועבן אום אין דער מאָלדאַווער לופֿט,
מיט ווּעמעס פֿרישקייט און דערקוויקנדיקן דופֿט
ער זאַפּט זיך אָן אין שעה פֿאַרנאַכטיק־בלויער —
האָט פֿאַרהאַלטן זיכער אים זיין אָמט...
ער איז ניט דיכטער נאָר,
ער איז אויך וועגן־בויער,
און איינס מיט צוויייטן איז גוט צענויפֿגעגראַמט...
און שוועל צו שוועל דאָרט לייגט אַוועק געניט ער
ווי אַ שורה צו אַ שורה אין געדיכט...

דאָרט גייט דורך היגלען דורך אַ ציטער
אָפּגעטיקטע אינעם דעמער־ליכט,
ווען הודענדיק מיט דעם פּילטאָניקן געוויכט
עס קנאַקן דורך די האָרעפּאַשנע באַנען...

באַנען, באַנען.
איינער האָט פֿון דאַנען
איין מאָל אין סוף זומער פֿון פּעראָן געדירט,
און קיינער ניט געקענט האָט דעמאָלט קלערן
אַז ער האָט אים,
ניט אויף צוריק זיך קערן,
נאָר צו זײַן סוף
אויף אייביק
אָפּגעפֿירט...

ער איז געווען פון מיר אַ סך געוואַגטער

ער איז געווען פון מיר אַ סך געוואַגטער,
צענויפגענומענער, אומבויגזאַם אין כאַראַקטער,
ער פלעג אויף זײַנעם שטאָל און אײַזן שטיין,
אומפשרהדיק מיט יענעם ווי מיט זיך אַליין,
ניט איבערנעמעריש ווי אַ מיזיניק
אַן אויסגעצערטלטער,
נאָר ערלעך און גראָדליניק,
און מ׳האָט גערופן אים דערפאַר:
„די האַרטע נוס".

געווען מיר ביידע אין מהות
זענען ביז גאָר, ביז גאָר פאַרשיידן,
נאָר מענטשן פלעגן אָפט צווישן אונדז ביידן
זיך טועה זיין, ניט וויסן ווער ס׳איז ווער,
פאַרביטן אָפט אונדזערע נעמען,
און אים אַ מאָל ווי מיך מע פלעג אָננעמען,
אויף מיר האָט מען געמיינט אַז איך בין ער.
און לויב־רייד פלעג אַ מאָל איך הערן
פאַר לידער וואָס ניט מיר
נאָר אים געהערן,
און אָפּשלאָגן אַ מאָל ער האָט געדאַרפט דעם שווערן
קלאַפּ פון בייזן וואָרט מיט וואָס אַ יאָלד
האָט טרעפן גאָר ניט אים
נאָר מיך געוואָלט.

יאָ, אָפט מאָל פלעג מען אונדז פאַרבײַטן,
און מיט האַזאַרט פון עלטער פון פאַרשײַטן
איינער האָט געשפּילט דעם צווייטנס ראָל,

דעם צווייטנס פרייד גענעמען, און דעם צווייטנס עול,
די שפּיל האָט אונדז פאַרווײַלט
און אויף די לײַטן
האָבן ניט געהאַט מיר קיין פאַרדרוס
וואָס טועה זיך מע איז צווישן אונדז ביידן...

כאָטש מיר זענען אין מהות
געווען ביז גאָר, ביז גאָר פאַרשיידן...

עטעלע

מיטן אויסדרוק אין בליק פון פּאַראיבל,
מיטן צער, ניט געשטילטן ביז הײַנט,
דרייט זי אַרום זיך אין שטיבל
ווו אַלץ נאָך דערמאָנט אין איר פרײַנד...

ווו פון זײַן שטייגער דער שטעמפּל
און וואַרעמען אָטעם דער שפּור
ליגט אויפן טיש, אויפן לעמפּל
מיטן גרינלעכן אַבאַזשור...

ליגט אויפן הויפן מיט ביכער
אין וועלכע עס האָט בײַם ראַנד
פיל צייכנס,
  מיט פּערל־כּתב זיכער,
געלאָזט אויף די זײַטלעך זײַן האַנט...

אָפט וועקט דער אַמאָליקער טומל
זיך אויף אין האַרצן בײַ איר:
ס'פלעג קומען דאָס שרײַבער־רומל
צו אים אין דער „שטאַבס־קוואַרטיר",

און געאַמפּערט זיך מ'האָט דאָ אין שטיבל,
פון וויכּוחים קיין מאָל ניט מיד,
אין ענגשאַפט ווו ס'וואָרט האָט געווירבלט
געזעסן איז ער אין דער מיט...

און ווען דורך די דינע גאַרדינען
די שקיעה־שײַן אויף דער וואַנט

פלעג נעמען גאָלדיק זיך שפּינען,
און ער האָט צום טיש צוגעשפּאַנט

האָט זי, ווי אַ שאָטן אין צימער,
זײַן רו מיט צאַרטקייט געהיט,
אַז פון זײַן נשמה דער שימער
זיך אײַנהעפטן זאָל אין אַ ליד...

נאָר ער האָט דאָס ליד ניט דערזינגען.
פאַר וואָס, פאַר ווער און פאַר ווען?
איך וויל ניט אַצינד אַרײַנדרינגען
אין דעם וואָס אים איז געשען...

פון דעמאָלט האָט זיך אין די זייטן
און אין שטייגער געביטן אַ סך,
אויך מיר האָבן שטאַרק זיך געביטן
אין יעדן ,אין יעדן פאַך...

נאָר ס׳איז ניט געמינערט געוואָרן
וואָס זי האָט דורך יאָרן פאַרהיט,
זײַן שמייכל בײַ זיך אין זיכּרון,
זײַן ניט דערזונגענע ליד...

אַ בריוו

איך האָב אַ בריוו דערהאַלטן.
פון זײַן תוך
האָב איך דערפילט אין הארץ אַ שאַרפן שטאָך
און אַ פאַרדראָס אַ שנײַדיק-שאַרפן, —
אַזוי זיך פילט אַ ברונעם-גרעבער, כ׳מיין,
ווען עמעץ אָן געוויסן, האָט געמיין
אין ברונעם לויטערן אַ קאָץ אַרײַנגעוואָרפן,
אין ברונעם וואָס געגראָבן שיכט נאָך שיכט,
פאַרעקשנט,
מיטן שוויים פון זײַן געזיכט,
ביז זיך דערגראָבן צו דעם לעבעדיקן וואַסער...

דערהאַלטן כ׳האָב אַ בריוו,
און אָנגעטריפט
ס׳איז יעדער אות מיט גאַל, מיט חוזק-גיפט,
נאָר ס׳חתמעט זיך:
„מיט פרײַנדשאַפט"
זײַן פאַרפאַסער...

מיר האָבן דיר געזאָגט

מיר האָבן דיר געזאָגט: ער איז ניט ווערט
דײַן ווארעמקייט אָט דער וואָס אומגעשטערט
האָסט בײַ דײַן זײַט געלאָזט אים שפּרײַזן.
מיר האָבן דיר געזאָגט: טוסט ווידער גרײַזן,
און זעסט ניט דאָס וואָס ס'האָבן פיל
דערזען פון לאַנג...
ס'איז נאַקעט דאָך דער קעניג,
אַ דלפן פון געפיל,
געדאַנק ניט פאַר אַ פעניק,
ס'איז אָנעקדאָט זײַן לעבנסגאַנג,
זיין סטיל;
אים האָט ניט אָנגערעדט די אינטריגאַנטן,
די שלאַנג פון אַלטן מעשׂהלע באַקאַנטן,
ער זאָל פון אייביק-גרינעם לעבנס-בוים
דעם עפּל פון דערקענטעניש פאַרזוכן,
איז אויסגעהוילט ער, אָן אַ פיצל טרוים,
ווי אַ פּלאַסטיק-קוגל גלאַט,
אָן ווידערשפּרוכן,
אָן ספיקותן, פון קיין שום עול באַשווערט;
דו האָסט אים דאָך אַליין זיך אויסגעקלערט,
אויפגעגאָן ער איז בלויז
אין דײַן גוטן ווילן...
אַצינד אַז ער אין מיאוסער נאַקעטקייט
אַנטהילן
האָט זיך געטאָן פאַר דיר, און די געפילן
דײַנע גראָב פאַרלעצט, אַצינד
ניט רייד פון אים,
ער האָט זיך ניט פאַרדינט
ווי אַ מאָל דײַן זאָרג

אויך ניט דײַן חוזק טרײַבן,
אַפילו ניט קיין אות
זאָלסט װעגן אים אָנשרײַבן,
אַפילו ניט דעם מינדסטן טראָפּן טינט...
ער קען אַזוי
אין דער געשיכטע נאָך פאַרבלײַבן
װי ניט איין נישטיק װעמען צוליב װיץ
ס'האָט אין האַרץ אין סאַמע
אַ דיכטער, פון זײַן פעדער־שפּיץ
געטאָן װײַסחברהדיק אַ שפּריץ
מיט גאַל פון עפּיגראַמע...

כאָטש האַלטסט אים פאַר אַ פרײַנד

ב. יאָסיפּן

כאָטש האַלטסט אים פאַר אַ פרײַנד פיל יאָרן,
האָסט ביזן גרונט נאָך ניט דערקענט זײַן תּוך;
דו זעסט ניט אַז ביסט אים
אין אויג אַ דאָרן...
ווײַל אים דער זכות איז ניט געגעבן
פון געבאָרן
צום הויכן שוועבן מיט ברייטן פליגל-פּאַך,
בייגט פון קינאה אים דער יאָך
אַלץ נידריקער — כאָטש טרײַשאַפט דיר געשוואָרן,
דו זעסט ניט ווי צעטומלט און פאַרלאָרן
שטענדיק אין דײַן נאָענטקייט ער ווערט,
ווײַל אין נאָענטקייט אין דײַנער
זעט ער קלאָרער
זיך אַליין אין נישטיקייט זײַן גאָרער,
ווי נעבעכדיק ער איז, ווי קליין זײַן ווערט,
און ס'מישט אין בלוט זיך
שינאה מיט פאַרערונג
און ס'שפּינט אין בלוט זיך
טרײַשאַפט מיט פאַרשווערונג,
און זײַן האַרץ איז פינצטער, ווי אין וואַלד
בײַנאַכט, פון קיין שטערנדל באַשטראַלט,
און ס'נאָגט אין דעם ווי אַ גראָווע סאָווע
אַ בייזע, גראָווע, צוגעגעסענע מחשבה...

זײַ-זשע פאָרזיכטיק מיט אים ,למען השם.
צום מויל זײַן כּום מיט כּיבוד-ווײַן ניט נעם,
זײַנע אויגן בלאָנדזשען אום צעטראָגן
ווי בײַ איינעם וואָס פון טאָלק אראָפּגעשלאָגן
איז, און ס'פירט מיט אים אַ בייזע מאַכט;

ווער ווייסט וואָס ס'רייַפט אין אים הייַנט
פאַר אַ זרע;
קען זייַן, אַזוי האָט אויסגעזען אין יענער נאַכט
ווען אויסגעפולט זייַן שענדלעכן פאַרטראַכט
ס'האָט זייַן אורפאָטער —
סאַליערי...

צו דײַן געבוירנטאָג

ס׳האָט דאָס לעבן קלעפּ דיר ניט געקאַרגט.
נאָר פון אַלץ ביסטו נאָך מער געשטאַרקט,
געלײַטערטער אַרויס, און ביסט ווי פריִער
געבליבן אַלץ דער זעלבער טרוימען־פליִער,
דער זעלבער אויף אַ האָר ניט אָפּגעקילט
ראָמאַנטיקער און הייסער מענטשן־גלויבער,
און מעשׂהלעך דיר ווי אַ מאָל זיך ווילט,
מעשׂהלעך —
האָסט זיי אַ מאָל פול צויבער
מיט באַגײַסטערונג פאַר אונדז געשפּינט
זיך לאָזנדיק אַליין פון זיי פאַרלאָקן,
אין כּישוף־לאַנד עקזאָטיש־ווײַטן
ווי אַ קינד,
יאָ, ווי אַ קינד וואָס ביסט געבליבן ביז אַצינד,
להכעיס דער דערפאַרונג פון אַ זקן...

אַ זקן? גיי שוין. ס׳קלעפּט צו דיר ניט גראָד
דאָס פריקרע וואָרט, ווײַל דיר דער סוד
(פאַר וועלכן פרײַז?) איז דאָך
ווי פאָוסטן געגעבן
יונג צו זײַן אין טרוימען און אין שטרעבן...

און טאָמער נעמט אַ מאָל דער פולס
היפּן ווי אין סטעפּ אַ פערד אַ דולס —
דעם קאַפּריז אין בלוט מיר זיך דערקלערן
מיט דעם וואָס ס׳גיסט דײַן האַרץ אַ פולס
זיך איבער נאָך פון גלײַיקע באַגערן,
וואָס די נשמה איז ניט מיד,
ניט אײַנגעשלעפט,

ניט טויב צו דעם וואָס אַרום אונדז זיך טרעפט
אין וועלטעלע וואָס וואַרפט אונדז,
טעסעט,
אָן רחמים און אָן חסד...

פאַרבלײַב אַזעלכער שטענדיק — אין נשמה יונג,
אַז די וואָס דיך פאַרשטייען אויפן ווונק
און שעצן דיך — זיי זאָלן לויטן מינהג,
לכּבוד דיר בײַ דעם באָקאָלן-קלונג
קנאַקן טאָסטן פריילעך
און שאַרפזיניק...

חברטעס אַלטע

איך זע אײַך נאָך הײַנט — אומפאַרביטן,
ווי ייִנגלווייז כ׳האָב אײַך געקענט,
ווען די בריקן איר האָט אָפּגעשניטן
הינטער זיך מיט די אייגענע הענט
און העט־העט צו דעם מאָרגן־בלענד,
פון די אָרעמע שטעטלעך, צעפלויגן
זיך ווי די סטײַעס איר זענט,
ווי די פייגל מיט בענקשאַפט אין אויגן
צו נײַע קלימאַטן געווענדט...

געשווירענע ייִנגלש — דאָך צניעות
פון די מאַמעס פאַרהיט האָט דער בליק,
און געשפּילט אויף מיידלשע וויִעס
ס׳האָט די שײַן פון געחלום׳טן גליק,

וואָס אײַך האָט ניט אויפגעהערט לאָקן,
וואָס קרבנות געמאָנט
און געגרייט,
ניט שווינענדיק זיך, אומדערשראָקן
איר האָט זיך צום קרבן מיט פרייד...

ביז הײַנט ווידערקולן אין אויער
אײַערע טריט פאַרקלינגענע לאַנג
ווען אין מיטן פון אומגליק־געהויער
וואָס האָט אײַך געזוכט מיט זײַן צוואַנג

איר פלוגבלעטלעך האָט, וואָס ווי פריסיק
האָבן בײַם לײַב אײַך געבריט
געשמוגלט דורך גאַסן,

שנעלפיסיק,
דער וועלט פון פאַרדאַרב — דינאַמיט.

ביַים וועבשטול כ׳זע איַיך ביז פאַרטאָגן
אויסגעבלאַסט פון ביַינאַכטיקן שיכט,
כ׳זע ביז בלוט איַיך פון „שפּיצלען״ צעשלאָגן
אויף אַנקלאָג־באַנק אין געריכט,
ווען קעגן בייזן באַצווינגער
וואָס די הענט איַיך אַכזריש געדרייט
און די בריסטן געקלעמט,
און די פינגער,
האָט שטראָפנדיק־האַרבע רייד
געשליַידערט איר — שווערע געוויכטער,
און פון באַשולדיקטע באַלד
איר האָט זיך פאַרוואַנדלט אין ריכטער
פון דעם בייז און געוואַלט!...

איר זענט גראָ שוין ווי איך
און פאַרקעמען
עטוואָס נאַכלעסיק טוט איר זיך איצט,
און אַ מידקייט שוועבט אויף די ברעמען,
און די פנימער — שאַרף און פאַרשפּיצט

— פון אַלץ וואָס איר האָט אויסגעליטן —
נאָר פאַר מיר איר די זעלביקע זענט,
די זעלביקע כ׳זאָג,
אומפאַרביטן,
ווי יינגלוויַיז כ׳האָב איַיך געקענט...

און אייערע האַרציקע נעמען
מיט צאַרטקייט איך מורמל אַצינד —
חברטעס אַלטע מיט וועמען
אַזויפיל זכרונות מיך בינדט...

געהיימע זיצונג

ס'האָט אַ זויערע פײַכטקייט געטריפֿט
פֿון די ווענט די אָפּגעשיילט-הוילע,
דער קנויט איז געווען אין לעמפּל פֿאַרטיפֿט,
גלײַך אין שטוב וואָלט ליגן אַ חולה.

אויפֿדרייען דעם קנויט
ניט געפּרוּווט ס'האָט קיין האַנט,
ס'האָט דאָס ליכט געקאָנט זיי פֿאַראַטן.
צען מ'איז געווען, צווישן זיך אומבאַקאַנט,
נאָר באַהעפֿט דורך די זעלבע טאַטן,

באַהעפֿט דורך איין חלום געוועבטן בסוד
וואָס פֿירט דורך תּפֿיסה, לײַדן,
און אפֿשר, חלילה, אויך דעם עשאַפֿאָט
וועט ווער פֿון זיי ניט פֿאַרמײַדן.

די ליפּן פֿאַרקלעמטע עקשנותדיק, האַרט,
די אויגן פֿון וויזיאָנערן,
צען מ'איז געווען און אין פֿיבער געוואַרט
דאָס וואָרט פֿון באַשייד צו דערהערן.

האָט עס עמעץ אַרויסגעזאָגט שטיל
און ס'איז זיך דער נעפּל צעגאַנגען,
און אויפֿגעשײַנט האָט דער געחלומטער ציל
און דער וועג ווי צו אים צו דערלאַנגען...

דער וועג איז נאָך לאַנג. פֿיל שטרויכלען באַשערט
און איבערגענג איבער תּהום-טיף,

נאָר ס׳האָבן די צען שוין אין דמיון געהערט
דעם שאַל פון ברידערשאַפט־יום־טוב.

און די לבנה אין דרויסן האָט
געוואַכט ביַי דעם סומנעם טויער,
קיין שפּיצל פאַרגיין זאָל צום קעלער־לאָד
אויף נישטער און שפּיצל־געלויער...
— — — — — — — — — —

ס׳איז פון דעמאָלט פאַרשיידנס געשען,
פאַרשיידנס האָט דורכגעמאַכט יעדער,
און היַינט האָט די גיַיסטיקע שיַין פון די צען
אַרויפגעטריפט אויף מיַין פעדער...

און די געהיימע זיצונג האָט זיך
פלוצעם דערמאָנט געגנוי מיר,
און פון די צען איעטוועדער שטריך —
אָ, יענע הערלעכע טרוימער

וואָס האָבן די הייסע קעפּ ניט געשוינט
אין ווירבל־געדריי פון די יאָרן,
צום כבוד פון דור וואָס געפלעפט און דערשטוינט,
נאָר צום סוף זיי זענען באַקרוינט
מיטן קראַנץ פון מאַרטירער געוואָרן...

גלויבט מיר יאָ, גלויבט מיר ניין

גלויבט מיר יאָ, גלויבט מיר ניין,
איך וואָלט זיך שעצן אויפגעהערט אַליין,
מײַן עלטער כ׳וואָלט אַליין געטאָן פאַרשעמען
ווען פירן קריג איך וואָלט גאָר נעמען
מיט זיי,
אַרויפגעשווימענע
אין צײַטנס שוואַרצן שוים,
וועמען ס׳טוט קיין איינציק טוגנטלעכער צוים
פון געמיינקייט העסלעכער ניט העמען...

איר וואָלט געווים ווי איך זיי אויסגעמײַדט,
אַרומגעגאַנגען זיי אַ שאָס די ווײַט,
זיי וואָס האָבן דעם געוויסן לײַכט
פאַרדינגען
און אַ גרוב זיי גראָבן מיר
(אַרויסצושפּרינגען
ס׳איז שוין איין מאָל מיר פון אים געלינגען
און כ׳ווייס זײַן טעם און זיין באַטײַט...)

כ׳האָב ליב אַ קעגנער וואָס לאָקערט ניט פון זײַט,
פון גאַסן־ראָג,
אין נאַכט־חושך געדיכטן,
און פון הינטן, מיט אַ שפּרונג אַן אומגעריכטן
דאָס מעסער דיר אין רוקן אַרײַנשטעכט...
כ׳האָב ליב אַ קעגנער מיט אַ ריינעם זינען,
און בעסער זאָגט אַז איך בין ניט גערעכט,
נאָר מיט זיי
וואָס פאַראַכטונג נאָר פאַרדינען
וויל איך קיין מלחמות
ניט געווינען...

ווי אויף שפיגלדיקער אויבערפלאַך

— נחמה ליפשיץ
נאָך איר פאַרלאָזן ראַטנפאַרבאַנד

ווי אויף שפיגלדיקער אויבערפלאַך פון טײַך
צעלויפן זיך פאַרמערט די וואַסעררינגען
ווען ס'טוט אין אים אַ מעווע אַרײַנשפּרינגען —
אַזוי ביז הײַנט, פון איר געזאַנג,
גייען אויף מיט העלן זילבער־קלאַנג
אין מײַן נשמה
כּישופדיקע עכאָ־וועלן...
זיי פאַלבן זיך, זיך כּפלען אָן אַ שיער,
זיי לעשן זיך,
און צאַפּלען אויף אין מיר
מיט אַלע אירע לאַקנדיקע טרעלן,
מיט אַלע שימערנדע שטים־געמעלן,
גלײַך זי וואָס האָט אונדז איין מאָל אויפגעהעלט
אין אונדזער מדבר —
צו דערקוויקן,
צו פּלעפן מענטשן־הערצער און אַנטציקן,
וואָלט מיט בלאָנדזשנדיקע בליקן
געזוכט ווי אַמאָל אין אונדזער ענג געצעלט,
און אירע טענות
וואָלט זי אויסתּחינהן דורך טרערן,
און דעם יִיאוש וואָס שמערצלעך זי געקוועלט,
און די אַנגסט פאַר פּאַסטקעס,
נעצן,
וואָס צעשטעלט
אויף אַלע וועגן מ'האָט —
די שליחות איר צו שטערן...

זאָל זײַן אַז צו אַן אַנדער ראַנד
ווי דורך אַ פֿײַערקרײַז
זי האָט זיך דורכגעקליבן,
נאָר זי אויף אייביק איז
אין מיר פֿאַרבליבן,
זי האָט אויף מײַן געמיטס
מאַגניטן־באַנד
מיט איר גאַנצן וועזן
זיך אַרײַנגעשריבן...

אינהאַלט

פון געפונענע העפטן
1941 — 1939

שווערע פאַרגעפילן 9
מיך ווערט ניט פאַרווירן די צײַט 11
ווי פיראַטן 12
גרויסשטאָט־בולוואַרן 13
די וועבערין 15
בוקאַרעשטער נאָקטורנע 17
די סכנה וואַקסט 18
תיקו 19
ערשטער טאָג פון מלחמה 20
ווי ס׳קומט פון העלער הויט 21
באַרוועס, ווי צום טויך 22
אין לבנה־שײַן 24
ביז דעמאָלט 25
אין שפּיטאָל 26
דאָס פאַרווונדעטע פערד 29

ביי די ברעגעס פון זעראַפשאַן
1945 — 1941

ווען איך שעם זיך ניט 33
וואַקאַ־פונקט 34
באַגעגעניש 35
אין די הויכע אומענדן 36
די נאַכט איז לינד 38
ליו־ליו 39
אַ גאַנצן טאָג אין פעלד 41
אין מיטן סאַמאַרקאַנד 42
דער אַלקער ווו איך ווין 44

אומעטיקער אָוונט 45
מאָנבלומען 47
זעראַפשאַן 48
ביים ברעג פון זעראַפשאַן 50
ביים אַלטן באַרנבוים 51
אַלטשטאָט־טשייכאַנאַ 52
מײַן שכן דער בוכאַר 54
דאָס דרימלענדיקע קינד 56
וואָרצלען 57
דאָס ציגעלע 58
קינדעלע מורא 59
סאיד באַביי 60
דער באַכשי 63
דאָס פאַסטעך־קינד 64
מזרחדיקער מאַרק 66
אין בוכאַרע 69
אין האָטעל 72
ביים אַלטן קופּאַל 75
דאָס אוזבעטשקעלע 77
מיט פאַרצײַטיקייט דאָ שמעקט 79
נײַיאָר־נאַכט אין דער פרעמד 81
אין שפּאָס 86
מזרח־וווּנדער 87
פאַרטאָג 88
אונטער דער זון אוזבעקיסטאַנער 89
אויף אייזל מאָגערן 90
געזעצטער שוין 91
ווי די לויטערע שטראָמען 92
פיר זומערס בין איך דאָ אַ תושב 93
געבליבן איז זי אין אַליין 95
היים מײַנע ווער קוויקט זיך 96
גערוישט האָט אַ שטעטל ביים פרוט 97
ווי דער מאַמעס פנים 99
ווער זענען זיי 100
דער טאָג וועט קומען 102
אין בלאָער שעה 103
נעכטן האָט פאַרענדיקט זיך דער קריג 104
ווי לאַנג האָט זיך די נאַכט געצויגן 105

פון מלכות פון טויט 106
טייערע מײַנע, איר לעבט? 108
צו אײַך, אָ, ליבע קינדהייט־ערטער 109

נאָך לאַנגן נע ונד
1948 — 1945

פאַרוואָס זיך וויגסטו וועלדל 113
נאָר דו האָסט געלעבט 115
כ׳האָב גאָרניט געוווּסט 117
די באָבע 119
די שטאָט הייבט זיך אויף פונעם שטיין . . . 122
גיי איך פאַרביי די וויסטע פלעצער 123
היימישע וועגן 124
דער וועג באַקאַנט איז מיר 125
דאָס קרעטשמעלע בײַם וועג 126
און איינס איך ווונטש 128
נײַער שטייגער, נײַע זײַטן 130
די קליינע יורשימלעך 132
דער וועטעראַן 133
און כ׳האָב נאָר איין פאַרלאַנג 135

די חרובע וואַנט

די חרובע וואַנט 139
געדענקסט מײַן פרײַנד 141
אָפּגעלייגטע פּרעמיערע 144
וופיל מאָל בין איך געזעסן 146
פּראָלאָג 148
מיט פנים פּעטן נאָך פון שמינק 150
דאָס טעאַטער־גלעקל 152
דער אַלטער קאָמיקער 154

ווידערגעבורט
1967 — 1957

נאָך דעם שטורעם 159
די נאַכט אַנטרינט 160
באַגינען אין פעלד 161
קאַיאָר 162

דער בליק נאָך קלאָר 163
אַז אַלץ דערהויבנדיקס 164
מיי־נאַכט 165
מיט שאַרכיקער שטילקייט 166
וואָך־שעה 168
דער שייטער 169
דאָס קראַנקן־שוועסטערל 170
אַ פידעלע 172
די דריטע אשמורה 174
תפילה פון אַ באַרג־קלעטערער 176
דאָס וואָרט פונעם גערטנער 178
אין פרילינג־טאָג 181
ליב דעם אָטעם כ'האָב 183
די מערעשקע 185
ברונעמס 187
ערנקרייז 189
אין אַלטן פּאַרק 191
די בריק 193
דער שטאַרבנדיקער דעמב 195

פריינד און אומפריינד

כ'האָב פרײַנד אַ סך 199
אין שפּעטער שעה 200
ס'האָבן זיך די פרײַנד פאַרזאַמלט 202
אין מינוטן פון שטילשווײַגן 204
מיר גלויבט זיך ניט 207
ער איז פון מיר געווען אַ סך געוואַגטער 209
עטעלע 211
אַ בריוו 213
מיר האָבן דיר געזאָגט 214
כאָטש האַלטסט אים פאַר אַ פרײַנד 216
צו דיין געבוירנטאָג 218
חברטעס אַלטע 220
געהיימע זיצונג 222
גלויבט מיר יאָ, גלויבט מיר ניין 224
ווי אויף שפּיגלדיקער אויבערפלאַך 225